## Verse Text - (PRO 1:1-PRO 31:31)

| | | |
|---|---|---|
| PRO 1:1 די שפּריכווערטער פֿון שלמה דעם זון פֿון דָוִדן, דעם מלך פֿון יִשׂרָאֵל; edit | PRO 1:1 di shprichverter fun Shelomo dem zun fun Doviden, dem melech fun Yisroel; | PRO 1:1 Mishlei Sh'lomo Ben Dovid, Melech Yisroel; |
| PRO 1:2 כּדי צו וויסן חכמה און מוסר , צו פֿאַרשטיין די ווערטער פֿון פֿאַרשטאַנדיקייט; edit | PRO 1:2 kedei tsu visen chochme un musar , tsu farshtein di verter fun forshtandikeit; | PRO 1:2 To have da'as of chochmah and musar ***(discipline)*** ; to understand the words of binah; |
| PRO 1:3 צו נעמען דעם מוסר פֿון קלוגשאַפֿט, גערעכטיקייט און רעכט און יושר; edit | PRO 1:3 tsu nemen dem musar fun klugshaft, gerechtikeit un recht un yoisher; | PRO 1:3 To receive the musar of those with seichel, tzedek and mishpat, and meisharim ***(equity, uprightness)*** ; |
| PRO 1:4 צו געבן די נאַרן געשייַטקייט, דעם יונגן קענשאַפֿט און געדאַנקען; edit | PRO 1:4 tsu geben di naren geshaitkeit, dem yungen kenshaft un gedanken; | PRO 1:4 To give subtlety to the simple, to the na'ar, da'as and discretion. |
| PRO 1:5 דער חכם זאָל הערן און מערן לערנונג, און דער פֿאַרשטאַנדיקער זאָל קריגן תּחבוּלות; edit | PRO 1:5 der chochem zol heren un meren lernung, un der forshtandiker zol krigen tchbulut; | PRO 1:5 A chacham ***(wise person)*** will hear, and will increase learning, and a man of understanding shall acquire wise counsel: |
| PRO 1:6 צו פֿאַרשטיין אַ שפּריכוואָרט און אַ מליצה, די ווערטער פֿון די חכמים און זייערע רעטענישן. edit | PRO 1:6 tsu farshtein a shprichvort un a melitse, di verter fun di chachomim un zeyere retenishen. | PRO 1:6 To understand a mashal ***(proverb)*** , and the melitzah ***(enigma)*** ; the divrei chachamim, and their chidot ***(riddles)*** . |
| PRO 1:7 דער אָנהייב פֿון קענשאַפֿט {דַעַת} איז מורא פֿאַר ה׳, אָבער די נאַרן | PRO 1:7 der onheib fun kenshaft iz moire far Hashem, ober di naren farachten chochme un musar . | PRO 1:7 The Yirat HASHEM is the reshit da'as, but fools despise chochmah and musar. |

| | | |
|---|---|---|
| פֿאַראַכטן חכמה און מוסר . edit | | |
| PRO 1:8 הער צו, מײַן זון, דעם מוסר פֿון דײַן פֿאָטער, און זאָלסט נישט פֿאַרלאָזן די לער פֿון דײַן מוטער; edit | PRO 1:8 her tsu, main zun, dem musar fun dain foter, un zolst nisht farlozen di ler fun dain muter; | PRO 1:8 Beni ***(my son)*** , hear the musar Avicha, and forsake not the Torat Immecha. |
| PRO 1:9 וואָרום אַ קראַנץ פֿון חן וועלן זיי זײַן פֿאַר דײַן קאָפּ, און האַלדזבענדער פֿאַר דײַן האַלדז. edit | PRO 1:9 vorem a krants fun chen velen zei zain far dain kop, un haldzbender far dain haldz. | PRO 1:9 For they shall be a garland of chen unto thy rosh, and a chain about thy neck. |
| PRO 1:10 מײַן זון, אַז די זינדיקע וועלן דיך אָנרעדן, זאָלסטו נישט אײַנווויליקן. edit | PRO 1:10 main zun, az di zindike velen dich onreden, zolstu nisht inviliken. | PRO 1:10 Beni ***(my son)*** , if chatt'aim ***(sinners)*** entice thee, consent thou not. |
| PRO 1:11 אַז זיי וועלן זאָגן: קום מיט אונדז! לאָמיר לויערן אויף בלוט, לאָמיר לאָקערן אויפֿן אומשולדיקן פֿאַר אומזיסט; edit | PRO 1:11 az zei velen zogen: kum mit undz! lomir loieren oif blut, lomir lakeren oifen umshuldiken far umzist; | PRO 1:11 If they say, Come with us, let us lie in wait for dahm, let us lurk secretly for the naki ***(innocent, harmless)*** chinnom ***(without cause)*** ; |
| PRO 1:12 לאָמיר זיי אײַנשלינגען לעבעדיקערהייט ווי די שְׁאוֹל, און גאַנצערהייט ווי די וואָס נידערן אין גרוב; edit | PRO 1:12 lomir zei inshlingen lebedikerheit vi di Sheol, un gantserheit vi di vos nideren in grub; | PRO 1:12 Let us swallow them up chayyim ***(alive)*** like She'ol; and whole, as those that go down into the bor ***(pit)*** ; |
| PRO 1:13 אַלערליי טײַערע גוטס וועלן מיר געפֿינען, מיר וועלן אָנפֿילן אונדזער הויז מיט רויב; edit | PRO 1:13 alerlei teyere guts velen mir gefinen, mir velen onfilen undzer hoiz mit roib; | PRO 1:13 We shall find all precious substance, we shall fill bateinu ***(our houses)*** with plunder; |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 1:14 ווארף דיין גורל צווישן אונדז, איין בייטל וועט זיין ביי אונדז אלעמען; edit | PRO 1:14 vorf dain goral tsvishen undz, ein baitl vet zain bai undz alemen; | PRO 1:14 Throw in thy goral ***(lot)*** among us; let all of us have kis echad ***(one pouch, purse)*** . |
| PRO 1:15 זאָלסטו נישט גיין, מיין זון, מיט זיי אין וועג, פֿאַרמייד דיין פֿוס פֿון זייער שטעג. edit | PRO 1:15 zolstu nisht gein, main zun, mit zei in veg, farmaid dain fus fun zeyer shteg. | PRO 1:15 Beni ***(my son)*** , walk not thou in the derech with them; refrain thy regel from their path; |
| PRO 1:16 וואָרום זייערע פֿיס לויפֿן צו בייז, און זיי איילן צו פֿאַרגיסן בלוט. edit | PRO 1:16 vorem zeyere fis loifen tsu beiz, un zei ilen tsu fargisen blut. | PRO 1:16 For their raglayim run to rah, and make haste for shefach dahm ***(shedding of blood)*** . |
| PRO 1:17 וואָרום אומשולדיק איז אויסגעשפּרייט די נעץ, אין די אויגן פֿון אַלע געפֿליגלטע, edit | PRO 1:17 vorem umshuldik iz oisgeshpreit di nets, in di oigen fun ale gefliglte, | PRO 1:17 Surely in vain the reshet ***(net)*** is spread in the eyes of kol ba'al kanaf ***(all the birds)*** ; |
| PRO 1:18 בעת מע לויערט אויף זייער בלוט, מע לאָקערט אויף זייערע לעבנס. edit | PRO 1:18 beis me loiert oif zeyer blut, me lokert oif zeyere lebns. | PRO 1:18 And they lie in wait for their own dahm; they lurk secretly for their own nafshot. |
| PRO 1:19 אַזוי זיינען די וועגן פֿון איטלעכן וואָס איז גייציק נאָך רויב; עס נעמט אַוועק דאָס לעבן פֿון דעם וואָס האָט עס. edit | PRO 1:19 azoi zainen di vegen fun itlechen vos iz gaitsik noch roib; es nemt avek dos leben fun dem vos hot es. | PRO 1:19 So are the ways of every one that is greedy for betza ***(ill-gotten gain)*** ; which taketh away the nefesh of the be'alim ***(owners)*** thereof. |
| PRO 1:20 די חכמה שרייט אויף דער גאַס, אין די מערק לאָזט זי אַרויס איר קָול; edit | PRO 1:20 di chochme shrait oif der gas, in di merk lozt zi arois ir kol; | PRO 1:20 Chochmot crieth out in the street; she lifts up her voice in the rechovot ***(city squares)*** ; |
| PRO 1:21 אין עק פֿון רוישיקע גאַסן רופֿט זי, ביי די טויעראיינגאַנגען, אין שטאָט, | PRO 1:21 in ek fun roishike gasen ruft zi, bai di toieraingangen, in shtot, redt zi ire reid: | PRO 1:21 She crieth out in the chief place of concourse, in the openings of the she'arim ***(gates)*** ; in the Ir ***(city)*** she uttereth her |

| | | |
|---|---|---|
| רעדט זי אירע רייד: edit | | words, saying, |
| PRO 1:22 ביז וואַנען, איר פֿאַרנאַרטע, וועט איר ליב האָבן נאַרישקייט, און די שפּעטער וועלן זיך גלוסטן געשפּעט, און די נאַרן וועלן פֿײַנט האָבן וויסן? edit | PRO 1:22 biz vanen, ir farnarte, vet ir lib hoben narishkeit, un di shpeter velen zich glusten geshpet, un di naren velen faint hoben visen? | PRO 1:22 Ad mosai, ye simple ones, will ye love being simpletons? And the scoffers delight in their mockery, and kesilim ***(fools)*** hate da'as? |
| PRO 1:23 קערט אײַך צו מײַן מוסר, אָט וועל איך אויסגיסן מײַן גײַסט צו אײַך , איך וועל אײַך מאַכן וויסן מײַנע ווערטער. edit | PRO 1:23 kert ich tsu main musar, ot vel ich oisgisen main Gaist tsu ich , ich vel ich machen visen maine verter. | PRO 1:23 Turn you at my tokhechah ***(reproof)*** ; hinei, I will pour out my ruach unto you, I will make known my devarim unto you. |
| PRO 1:24 ווײַל איך האָב גערופֿן, און איר האָט נישט געוואָלט, אויסגעשטרעקט מײַן האַנט, און קיינער האָט נישט פֿאַרנומען, edit | PRO 1:24 vail ich hob gerufen, un ir hot nisht gevolt, oisgeshtrekt main hant, un keiner hot nisht farnumen, | PRO 1:24 Because I have called, and ye refused, I have stretched out my yad, and no man regarded; |
| PRO 1:25 נאָר איר האָט געמאַכט צו נישט מײַן יעטוועדער עצה, און מײַן מוסר האָט איר נישט געוואָלט, edit | PRO 1:25 nor ir hot gemacht tsu nisht main yetveder eitse, un main musar hot ir nisht gevolt, | PRO 1:25 But ye have disdained all my etza ***(counsel)*** , and would have none of my tokhechah ***(reproof)*** ; |
| PRO 1:26 וועל איך אויך לאַכן אויף אײַער בראָך, איך וועל שפּעטן ווען אײַער שרעק וועט קומען; edit | PRO 1:26 vel ich oich lachen oif ier broch, ich vel shpeten ven ier shrek vet kumen; | PRO 1:26 I also will laugh at your calamity; I will mock when your pachad ***(terror)*** cometh; |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 1:27 ווען עס קומט ווי אַ געוויטער אײַער שרעק, און אײַער בראָך וועט ווי אַ שטורעמווינט אָנקומען; ווען עס קומט אויף אײַך נויט און אַנגסט. edit | PRO 1:27 ven es kumt vi a geviter ier shrek, un ier broch vet vi a shturemvint onkumen; ven es kumt oif ich noit un angst. | PRO 1:27 When your pachad ***(terror)*** cometh like a storm, and your calamity cometh like a whirlwind; when tzarah ***(distress)*** and oppression cometh upon you. |
| PRO 1:28 דענצמאָל וועלן זיי מיך רופֿן, און איך וועל נישט ענטפֿערן, זיי וועלן מיך זוכן, און וועלן מיך נישט געפֿינען. edit | PRO 1:28 dentsmol velen zei mich rufen, un ich vel nisht entferen, zei velen mich zuchen, un velen mich nisht gefinen. | PRO 1:28 Then shall they call upon me, but I will not answer; they shall look for me diligently, but they shall not find me; |
| PRO 1:29 דערפֿאַר וואָס זיי האָבן פֿײַנט געהאַט וויסן, און מורא פֿאַר ה׳ נישט אויסגעווײלט; edit | PRO 1:29 derfar vos zei hoben faint gehat visen, un moire far Hashem nisht oisgeveilt; | PRO 1:29 For that they hated da'as, and did not choose the Yirat HASHEM ; |
| PRO 1:30 נישט אײַנגעוויליקט צו מײַן עצה, פֿאַראַכט מײַן גאַנצן מוסר. edit | PRO 1:30 nisht ingevilikt tsu main eitse, faracht main gantsen musar. | PRO 1:30 They would have none of my etza ***(counsel)*** ; they despised all my tokhechah ***(reproof)*** . |
| PRO 1:31 דערום וועלן זיי עסן פֿון דער פֿרוכט פֿון זייער וועג, און מיט זייערע עצות זיך זעטן. edit | PRO 1:31 derum velen zei esen fun der frucht fun zeyer veg, un mit zeyere etsut zich zeten. | PRO 1:31 Therefore shall they eat of the p'ri ***(fruit)*** of their own derech, and be filled with their own mo'atzot ***(schemes, devices)*** . |
| PRO 1:32 וואָרום די אָפּקערונג פֿון די פֿאַרנאַרטע וועט זיי הרגען, און די שלווה פֿון די נאַרן וועט זיי אונטערברענגען. edit | PRO 1:32 vorem di opkerung fun di farnarte vet zei hrgen, un di shalve fun di naren vet zei unterbrengen. | PRO 1:32 For the waywardness of the simple shall slay them, and the complacent contentment of kesilim ***(fools)*** shall destroy them. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 1:33 אָבער דער וואָס הערט מיר צו וועט וווינען אין זיכערקייט, און באַרוט זיין פֿון שרעק פֿאַר בייז. edit | PRO 1:33 ober der vos hert mir tsu vet voinen in zicherkeit, un barut zain fun shrek far beiz. | PRO 1:33 But the one who payeth heed unto me shall dwell safely, and shall be secure from pachad ra'ah ***(terror of evil)*** . |
| PRO 2:1 מיין זון, אַז דו וועסט אָננעמען מיינע ווערטער, און מיינע געבאָט וועסטו באַהאַלטן ביי זיך, edit | PRO 2:1 main zun, az du vest onnemen maine verter, un maine gebot vestu bahalten bai zich, | PRO 2:1 Beni ***(my son)*** , if thou wilt receive my words, and treasure my mitzvot with thee; |
| PRO 2:2 צוצולייגן צו חכמה דיין אויער, נייגן דיין האַרץ צו פֿאַרשטאַנדיקייט; edit | PRO 2:2 tsutsuleigen tsu chochme dain oier, neigen dain harts tsu forshtandikeit; | PRO 2:2 So that thou incline thine ear unto chochmah, and apply thine lev to tevunah ***(understanding)*** ; |
| PRO 2:3 נאָר בלויז צום שׂכל וועסטו רופֿן, צו פֿאַרשטאַנדיקייט אויפֿהייבן דיין קָול; edit | PRO 2:3 nor bloiz tsum seichel vestu rufen, tsu forshtandikeit oifheiben dain kol; | PRO 2:3 Yea, if thou criest out after binah, and liftest up thy voice for tevunah ***(understanding),*** |
| PRO 2:4 אַז דו וועסט זי זוכן ווי זילבער, און ווי נאָך אוֹצרות זי פֿאָרשן; edit | PRO 2:4 az du vest zi zuchen vi zilber, un vi noch oitseres zi forshen; | PRO 2:4 If thou seekest her as kesef, and searchest for her as for matmonim ***(hidden treasures)*** ; |
| PRO 2:5 דענצמאָל וועסטו פֿאַרשטיין מורא פֿאַר ה׳, און דערקענונג פֿון אלֹקים וועסטו געפֿינען. edit | PRO 2:5 dentsmol vestu farshtein moire far Hashem, un derkenung fun Elokim vestu gefinen. | PRO 2:5 Then shalt thou understand the Yirat HASHEM , and find the Da'as Elohim. |
| PRO 2:6 וואָרום ה׳ שענקט חכמה, פֿון זיין מויל איז וויסן און פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | PRO 2:6 vorem Hashem shenkt chochme, fun zain moil iz visen un forshtandikeit. | PRO 2:6 For HASHEM giveth chochmah; out of His Peh ***(mouth)*** cometh da'as ***(knowledge)*** and tevunah ***(understanding)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 2:7 ער באַהאַלט פֿאַר די רעכטפֿאַרטיקע הילף, אַ שילד פֿאַר די וואָס גייען מיט ערלעכקייט, edit | PRO 2:7 er bahalt far di rechtfartiken hilf, a shild far di vos geyen mit erlechkeit, | PRO 2:7 He layeth up tushiyyah ***(wise Torah counsel)*** for the yesharim ***(upright ones)*** ; He is a mogen ***(shield)*** to them that walk in blamelessness. |
| PRO 2:8 אויפֿצופּאַסן די שטעגן פֿון גערעכטיקייט, און די וועגן פֿון זײַנע פֿרומע באַהיט ער. edit | PRO 2:8 oiftsupasen di shtegen fun gerechtikeit, un di vegen fun zaine frume bahit er. | PRO 2:8 He keepeth the orkhot mishpat, and is shomer over the derech of His Chasidim. |
| PRO 2:9 דענצמאָל וועסטו פֿאַרשטיין גערעכטיקייט און רעכט און יושר – יעטוועדער גוטן וועג. edit | PRO 2:9 dentsmol vestu farshtein gerechtikeit un recht un yoisher – yetveder guten veg. | PRO 2:9 Then shalt thou understand tzedek, and mishpat, and mesharim ***(equity, fairness)*** — every ma'agal tov ***(good path)*** . |
| PRO 2:10 וואָרום חכמה וועט קומען אין דײַן האַרצן, און וויסן וועט זײַן זיס פֿאַר דײַן זעל. edit | PRO 2:10 vorem chochme vet kumen in dain hartsen, un visen vet zain zis far dain zel. | PRO 2:10 When chochmah entereth into thine lev, and da'as ***(knowledge)*** is pleasant unto thy nefesh; |
| PRO 2:11 קלוגשאַפֿט וועט אויפֿפּאַסן אויף דיר, פֿאַרשטאַנדיקייט וועט דיך באַהיטן; edit | PRO 2:11 klugshaft vet oifpasen oif dir, forshtandikeit vet dich bahiten; | PRO 2:11 Mezimah ***(discretion)*** shall be shomer over thee, tevunah ***(understanding)*** shall safeguard thee; |
| PRO 2:12 דיך מציל צו זײַן פֿון דעם שלעכטן וועג, פֿון די לײַט וואָס רעדן פֿאַרקערטקייט; edit | PRO 2:12 dich matsl tsu zain fun dem shlechten veg, fun di lait vos reden farkertkeit; | PRO 2:12 To save thee from the derech rah, from the ish medaber tahpukhot ***(man speaking perverse things)*** ; |
| PRO 2:13 וואָס פֿאַרלאָזן די שטעגן פֿון רעכטפֿאַרטיקייט, צו גיין אין די וועגן פֿון פֿינצטערניש; | PRO 2:13 vos farlozen di shtegen fun rechtfartikeit, tsu gein in di vegen fun fintsternish; | PRO 2:13 Who leaving the orkhot yosher ***(paths of uprightness)*** , walk in the drakhei choshech ***(ways of darkness)*** ; |

| | | |
|---|---|---|
| edit | | |
| PRO 2:14 וואָס פֿרייען זיך צו טאָן בייז, וואָס קוועלן פֿון בייזער פֿאַרקערטקייט; edit | PRO 2:14 vos freyen zich tsu ton beiz, vos kvelen fun beizer farkertkeit; | PRO 2:14 Who rejoice to do rah, and delight in the tahpukhot ***(perverse things)*** of rah ***(evil)*** ; |
| PRO 2:15 וואָס זייערע וועגן זײַנען קרום, און וואָס זײַנען פֿאַרדרייט אין זייערע גענג. edit | PRO 2:15 vos zeyere vegen zainen krum, un vos zainen fardreit in zeyere geng. | PRO 2:15 Whose orkhot ***(paths)*** are crooked ones, and they are devious in their ma'agalot ***(paths)*** . |
| PRO 2:16 כּדי דיך מציל צו זײַן פֿון דער פֿרעמדער פֿרוי, פֿון דער אומבאַקענטער וואָס מאַכט גלאַט אירע רייד; edit | PRO 2:16 kedei dich matsl tsu zain fun der fremder froi, fun der umbakenter vos macht glat ire reid; | PRO 2:16 To save thee from the isha zarah ***(strange woman)*** , even from the nokhriyah (strange [immoral] woman) which useth smooth words; |
| PRO 2:17 וואָס פֿאַרלאָזט דעם האַר פֿון איר יוגנט, און דעם בְּרית פֿון איר אלקים האָט זי פֿאַרגעסן; edit | PRO 2:17 vos farlozt dem Har fun ir yugnt, un dem bris fun ir Elokim hot zi fargesen; | PRO 2:17 Which forsaketh the alluf ***(companion, husband)*** of her youth, and forgetteth the brit ***(covenant)*** of her G-d. |
| PRO 2:18 וואָרום איר הויז נידערט צום טויט, און אירע שטעגן צו די מתים; edit | PRO 2:18 vorem ir hoiz nidert tsum toit, un ire shtegen tsu di meisim; | PRO 2:18 For her bais inclineth toward mavet, and her ma'agalot ***(paths)*** to the refa'im ***(spirits of the dead)*** . |
| PRO 2:19 אַלע וואָס קומען צו איר, קערן זיך נישט אום, און דערגרייכן נישט די וועגן פֿון לעבן. edit | PRO 2:19 ale vos kumen tsu ir, keren zich nisht um, un dergreichen nisht di vegen fun leben. | PRO 2:19 None that go unto her return again, neither attain they to the orkhot chayyim ***(paths of life)*** . |
| PRO 2:20 כּדי זאָלסט גיין אין דעם וועג פֿון די גוטע, און די שטעגן פֿון די גערעכטע זאָלסטו אָפּהיטן. edit | PRO 2:20 kedei zolst gein in dem veg fun di gute, un di shtegen fun di gerechte zolstu ophiten. | PRO 2:20 That thou mayest walk in the derech tovim, and be shomer over the orkhot tzaddikim ***(paths of the righteous)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 2:21 וואָרום די רעכטפֿאַרטיקע וועלן באַוווינען דאָס לאַנד, און די אומשולדיקע וועלן בלייַבן דערין. edit | PRO 2:21 vorem di rechtfartiken velen bavoinen dos land, un di umshuldike velen blaiben derin. | PRO 2:21 For the yesharim ***(upright ones)*** shall dwell in the land, and the tamimim ***(blameless, faultless ones)*** shall remain in it. |
| PRO 2:22 אָבער די רשָעים וועלן פֿאַרשניטן {כרת} ווערן פֿון לאַנד, און די פֿעלשער וועלן אַרויסגעריסן ווערן פֿון איר. edit | PRO 2:22 ober di reshoiem velen farshniten veren fun land, un di felsher velen aroisgerisen veren fun ir. | PRO 2:22 But the resha'im shall be cut off from ha'aretz, and the bogedim ***(treacherous ones)*** shall be rooted out of it. |
| PRO 3:1 מייַן זון, זאָלסט נישט פֿאַרגעסן מייַן לערנונג, און מייַנע געבאָט זאָל היטן דייַן האַרץ. edit | PRO 3:1 main zun, zolst nisht fargesen main lernung, un maine gebot zol hiten dain harts. | PRO 3:1 Beni ***(my son)*** , forget not my torah; but let thine lev keep my mitzvot; |
| PRO 3:2 וואָרום אַריכת-ימים און יאָרן פֿון לעבן און פֿריד וועלן זיי דיר צוגעבן. edit | PRO 3:2 vorem aricht-imim un yoren fun leben un frid velen zei dir tsugeben. | PRO 3:2 For orekh yamim ***(length of days)*** , and shnot chayyim, and shalom, shall they add to thee. |
| PRO 3:3 גענאָד און אמת זאָלן דיך נישט פֿאַרלאָזן, בינד זיי אַרום דייַן האַלדז, שרייַב זיי אָן אויפֿן טאָוול פֿון דייַן האַרצן, edit | PRO 3:3 genod un emes zolen dich nisht farlozen, bind zei arum dain haldz, shraib zei on oifen tovl fun dain hartsen, | PRO 3:3 Let not chesed and emes forsake thee; bind them about thy neck; write them upon the luach ***(tablet)*** of thine lev; |
| PRO 3:4 און געפֿין חֵן און גוטן שֵׂכֶל אין די אויגן פֿון אלֹקים און פֿון לייַט. edit | PRO 3:4 un gefin chein un guten seichel in di oigen fun Elokim un fun lait. | PRO 3:4 So shalt thou find chen and seichel tov in the eyes of Elohim and adam. |
| PRO 3:5 פֿאַרזיכער זיך אויף ה׳ מיט דייַן גאַנצן האַרצן, און | PRO 3:5 farzicher zich oif Hashem mit dain gantsen hartsen, un oif dain forshtandikeit zolstu zich | PRO 3:5 Trust in HASHEM with all thine lev, and lean not unto thine own binah |

| | | |
|---|---|---|
| אויף דייַן פאַרשטאַנדיקייט זאָלסטו זיך נישט אָנלענען. edit | nisht onlenen. | ***(understanding)*** . |
| PRO 3:6 אין אַלע דייַנע וועגן טו אים קענען, און ער וועט גלייַך מאַכן דייַנע שטעגן. edit | PRO 3:6 in ale daine vegen tu im kenen, un er vet glaich machen daine shtegen. | PRO 3:6 In all thy drakhim acknowledge Him, and He shall make yosher thy orkhot ***(paths)*** . |
| PRO 3:7 זאָלסט נישט זייַן אַ חכם אין דייַנע אויגן, האָב מורא פאַר ה׳, און קער זיך אָפּ פון בייז. edit | PRO 3:7 zolst nisht zain a chochem in daine oigen, hob moire far Hashem, un ker zich op fun beiz. | PRO 3:7 Be not chacham in thine own eyes; fear HASHEM , and depart from rah. |
| PRO 3:8 דאָס וועט זייַן אַ היילונג פאַר דיין נאָפּל, און אַ זאַפט פאַר דייַנע ביינער. edit | PRO 3:8 dos vet zain a heilung far dain nopl, un a zaft far daine beiner. | PRO 3:8 It shall be rife'ut ***(health)*** to thy navel, and marrow to thy atzmot. |
| PRO 3:9 גיב כּבֿוד צו ה׳ פון דייַן גוטס, און פונעם ערשטן פון אַל דייַן תּבֿואה, edit | PRO 3:9 gib koved tsu Hashem fun dain guts, un funem ershten fun al dain tvuh, | PRO 3:9 Honor HASHEM with thy substance, and with the reshit ***(firstfruit)*** of all thine increase; |
| PRO 3:10 און דייַנע שפּייַכלערס וועלן פול זייַן מיט זעט, און דייַנע קעלטערס וועלן פליצן מיט וויַין. edit | PRO 3:10 un daine shpaichlers velen ful zain mit zet, un daine kelters velen fleitsen mit vain. | PRO 3:10 So shall thy barns be filled with plenty, and thy vats shall burst out with tirosh. |
| PRO 3:11 דעם מוסר פון ה׳ זאָלסטו, מייַן זון, נישט פאַראַכטן, און זאָלסט נישט פאַראומווערדיקן זייַן שטראָף. edit | PRO 3:11 dem musar fun Hashem zolstu, main zun, nisht farachten, un zolst nisht farumverdiken zain shtrof. | PRO 3:11 Beni ***(my son)*** , despise not the musar HASHEM ; neither be weary of His tokhakhah ***(reproof)*** ; |
| PRO 3:12 וואָרום דעם וואָס ה׳ האָט ליב, דעם שטראָפט ער, | PRO 3:12 vorem dem vos Hashem hot lib, dem shtroft er, un vi a | PRO 3:12 For whom HASHEM loveth, He correcteth; even as |

| | | |
|---|---|---|
| און ווי אַ פֿאָטער דעם זון וואָס ער האָט האַלט. edit | foter dem zun vos er hot halt. | an av the ben in whom he delighteth. |
| PRO 3:13 ווויל צו דעם מענטשן וואָס געפֿינט חכמה, און דעם מענטשן וואָס קריגט פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | PRO 3:13 voil tsu dem mentshen vos gefint chochme, un dem mentshen vos krigt forshtandikeit. | PRO 3:13 Ashrei ***(happy)*** is the man that findeth chochmah, and the man that getteth tevunah ***(understanding)*** . |
| PRO 3:14 וואָרום איר סחורה איז בעסער ווי סחורה פֿון זילבער, און מער ווי גינגאָלד איר אײַנקום. edit | PRO 3:14 vorem ir schoire iz beser vi schoire fun zilber, un mer vi gingold ir inkum. | PRO 3:14 For the gain of it is better than the gain of kesef, and the increase thereof than fine gold. |
| PRO 3:15 זי איז טײַערער פֿון פּערל, און אַלע דײַנע חפֿצים זײַנען נישט גלײַך צו איר. edit | PRO 3:15 zi iz teyerer fun perl, un ale daine chftsim zainen nisht glaich tsu ir. | PRO 3:15 She is more precious than peninim ***(pearls)*** ; and all the things thou canst desire are not to be compared unto her. |
| PRO 3:16 אַריכת-ימים איז אין איר רעכטער האַנט, אין איר לינקער עשירות און כּבֿוד. edit | PRO 3:16 aricht-imim iz in ir rechter hant, in ir linker eshires un koved. | PRO 3:16 Orekh yamim is in her right hand; and in her left hand osher and kavod. |
| PRO 3:17 אירע וועגן זײַנען וועגן פֿון ליבלעכקייט, און אַלע אירע שטעגן זײַנען שָׁלוֹם. edit | PRO 3:17 ire vegen zainen vegen fun liblechkeit, un ale ire shtegen zainen shalom. | PRO 3:17 Her drakhim are drakhim of pleasantness, and all her netivot ***(trodden paths)*** are shalom. |
| PRO 3:18 אַ בוים פֿון לעבן {עֵץ חַיִּים} איז זי פֿאַר די וואָס האַלטן זי פֿעסט, און דער וואָס האַלט זיך אָן איר איז באַגליקט. edit | PRO 3:18 a boim fun leben iz zi far di vos halten zi fest, un der vos halt zich on ir iz baglikt. | PRO 3:18 She is an Etz Chayyim ***(Tree of Life)*** to them that lay hold upon her; and me'usher ***(blessed)*** is every one that holdeth her fast. |
| PRO 3:19 ה׳ האָט מיט חכמה | PRO 3:19 Hashem hot mit chochme gegruntfest di erd, er hot | PRO 3:19 HASHEM by chochmah hath founded Eretz ***(Earth)*** ; by |

| | | |
|---|---|---|
| געגרונטפֿעסט די ערד, ער האָט אויפֿגעשטעלט די הימלען מיט פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | oifgeshtelt di himlen mit forshtandikeit. | tevunah ***(understanding)*** hath He established Shomayim. |
| PRO 3:20 דורך זײַן וויסן האָבן זיך די תּהומען געשפּאָלטן, און די הימלען טריפֿן טוי. edit | PRO 3:20 durch zain visen hoben zich di thumen geshpolten, un di himlen trifen toi. | PRO 3:20 By His da'as ***(knowledge)*** the tehomot ***(oceanic depths)*** were divided, and the clouds drop down the tal ***(dew)*** . |
| PRO 3:21 מײַן זון, זאָלן זיי נישט אַוועק פֿון דײַנע אויגן; היט קלוגשאַפֿט און געשײַטקייט, edit | PRO 3:21 main zun, zolen zei nisht avek fun daine oigen; hit klugshaft un geshaitkeit, | PRO 3:21 Beni ***(my son)*** , let not them depart from thine eyes; keep sound judgment and mezimah ***(discretion)*** ; |
| PRO 3:22 און זיי וועלן זײַן לעבן פֿאַר דײַן לײַב, און חן אויף דײַן האַלדז. edit | PRO 3:22 un zei velen zain leben far dain laib, un chen oif dain haldz. | PRO 3:22 So shall they be chayyim unto thy nefesh, and chen to thy neck. |
| PRO 3:23 דענצמאָל וועסטו גיין אין זיכערקייט דײַן וועג, און וועסט נישט אָפּשלאָגן דײַן פֿוס. edit | PRO 3:23 dentsmol vestu gein in zicherkeit dain veg, un vest nisht opshlogen dain fus. | PRO 3:23 Then shalt thou walk in thy derech safely, and thy regel shall not stumble. |
| PRO 3:24 אַז דו וועסט זיך לייגן וועסטו נישט אַנגסטן, און וועסט ליגן, און זיס וועט זײַן דײַן שלאָף. edit | PRO 3:24 az du vest zich leigen vestu nisht angsten, un vest ligen, un zis vet zain dain shlof. | PRO 3:24 When thou liest down, thou shalt not be afraid; when thou liest down, thy sheynah ***(sleep)*** shall be sweet. |
| PRO 3:25 זאָלסט נישט מורא האָבן פֿאַר אַן אומגעריכטן שרעק, און פֿאַר דער פֿאַרוויסטונג פֿון די רשָעים, | PRO 3:25 zolst nisht moire hoben far an umgerichten shrek, un far der farvistung fun di reshoiem, ven zi kumt. | PRO 3:25 Be not afraid of sudden pachad ***(terror)*** , neither of the desolation of the resha'im ***(wicked ones)*** , when it cometh. |

| | | |
|---|---|---|
| ווען זי קומט. edit | | |
| PRO 3:26 וואָרום ה׳ וועט זייַן דייַן בטחון, און וועט היטן דייַן פֿוס פֿון באַצווינגעניש. edit | PRO 3:26 vorem Hashem vet zain dain bitochen, un vet hiten dain fus fun batsvingenish. | PRO 3:26 For HASHEM shall be thy confidence, and shall be shomer over thy regel from the snare. |
| PRO 3:27 זאָלסט נישט פֿאַרמייַדן גוטס פֿון דעם וואָס דאַרף עס, ווען דייַן האַנט האָט בכּוח צו טאָן. edit | PRO 3:27 zolst nisht farmaiden guts fun dem vos darf es, ven dain hant hot bekoyech tsu ton. | PRO 3:27 Withhold not tov from them to whom it is due, when it is in the power of thine yad to do it. |
| PRO 3:28 זאָלסט נישט זאָגן צו דייַן חבֿר: גיי, און קום ווידער, און מאָרגן וועל איך געבן, ווען דו האָסט בייַ זיך. edit | PRO 3:28 zolst nisht zogen tsu dain chever: gei, un kum vider, un morgen vel ich geben, ven du host bai zich. | PRO 3:28 Say not unto thy neighbor, Go, and come again, and makhar ***(tomorrow)*** I will give; when thou hast it by thee. |
| PRO 3:29 זאָלסט נישט טראַכטן אַ רָעה אויף דייַן חבֿר, ווען ער זיצט אין זיכערקייט בייַ דיר. edit | PRO 3:29 zolst nisht trachten a roeh oif dain chever, ven er zitst in zicherkeit bai dir. | PRO 3:29 Devise not ra'ah against thy re'a, seeing he dwelleth securely by thee. |
| PRO 3:30 זאָלסט זיך נישט קריגן מיט אַ מענטשן אומזיסט, אויב ער האָט דיר נישט געטאָן קיין רָעה. edit | PRO 3:30 zolst zich nisht krigen mit a mentshen umzist, oib er hot dir nisht geton kein roeh. | PRO 3:30 Strive not with adam without cause, if he have done thee no ra'ah. |
| PRO 3:31 זאָלסט נישט מקנא זייַן דעם מאַן פֿון אומרעכט, און זאָלסט נישט אויסוויילן קיינעם פֿון זייַנע וועגן. edit | PRO 3:31 zolst nisht mekane zain dem man fun umrecht, un zolst nisht oisveilen keinem fun zaine vegen. | PRO 3:31 Envy thou not the ish chamas, and choose none of his drakhim. |
| PRO 3:32 וואָרום אַן אומווערדיקייט בייַ ה׳ איז דער | PRO 3:32 vorem an umverdikeit bai Hashem iz der farkerter, un mit di rechtfartiken iz er fartroit. | PRO 3:32 For the perverse person is to'avat ***(detestable)*** to HASHEM ; but His sod ***(secret, intimate*** |

| | | |
|---|---|---|
| פֿאַרקערטער, און מיט די רעכטפֿאַרטיקע איז ער פֿאַרטרויט. edit | | ***counsel)*** is with the yesharim ***(upright ones)*** . |
| PRO 3:33 די קללה פֿון ה׳ איז אין הויז פֿון רָשע, און די וווינונג פֿון צדיק בענטשט ער. edit | PRO 3:33 di klole fun Hashem iz in hoiz fun roshe, un di voinung fun tsadik bentsht er. | PRO 3:33 The curse of HASHEM is in the bais of the rasha; but He puts a bracha on the dwelling of the tzaddikim. |
| PRO 3:34 אויב שפּעטער – מאַכט ער זיי צום געשפּעט, אָבער די שטילע גיט ער חן. edit | PRO 3:34 oib shpeter – macht er zei tsum geshpet, ober di shtile git er chen. | PRO 3:34 Surely He scorneth the scorners; but He giveth chen ***(grace, favor)*** unto the anayim ***(lowly, humble ones)*** . |
| PRO 3:35 כּבֿוד אַרבן די חכמים, און נאַרן קלײַבן אויף שאַנד. edit | PRO 3:35 koved arben di chachomim, un naren klaiben oif shand. | PRO 3:35 The chachamim shall inherit kavod, but shame shall be the promotion of kesilim ***(fools)*** . |
| PRO 4:1 הערט צו, קינדער, דעם מוסר פֿון אַ פֿאָטער, און פֿאַרנעמט, כּדי צו קענען פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | PRO 4:1 hert tsu, kinder, dem musar fun a foter, un farnemt, kedei tsu kenen forshtandikeit. | PRO 4:1 Hear, ye banim, the musar ***(instruction, discipline)*** of an av, and attend to know binah ***(understanding)*** . |
| PRO 4:2 וואָרום אַ גוטע לער גיב איך אײַך, איר זאָלט מײַן תּורה נישט פֿאַרלאָזן. edit | PRO 4:2 vorem a gute ler gib ich ich, ir zolt main ture nisht farlozen. | PRO 4:2 For I give you lekach tov ***(good doctrine, good instruction)*** , forsake ye not my torah. |
| PRO 4:3 וואָרום איך בין אויך געווען אַ זון בײַ מײַן פֿאָטער, אַ ציטעריקער און אַן איינאיינציקער פֿאַר מײַן מוטער. edit | PRO 4:3 vorem ich bin oich geven a zun bai main foter, a tsiteriker un an eineintsiker far main muter. | PRO 4:3 For I was ben to avi, tender and yachid ***(an only child)*** before immi. |
| PRO 4:4 און ער האָט מיך | PRO 4:4 un er hot mich gelernt, un | PRO 4:4 He taught me also, and |

| | | |
|---|---|---|
| געלערנט, און מיר געזאָגט: זאָל דײַן האַרץ זיך האַלטן אָן מײַנע ווערטער, היט מײַנע געבאָט, און לעב. edit | mir gezogt: zol dain harts zich halten on maine verter, hit maine gebot, un leb. | said unto me, Let thine lev retain my words; be shomer over my mitzvot, and live. |
| PRO 4:5 קויף חכמה, קויף פֿאַרשטאַנדיקייט; זאָלסט נישט פֿאַרגעסן, און זיך נישט אָפּנייַגן פֿון די ווערטער פֿון מײַן מויל. edit | PRO 4:5 koif chochme, koif forshtandikeit; zolst nisht fargesen, un zich nisht opneigen fun di verter fun main moil. | PRO 4:5 Acquire chochmah, acquire binah ***(understanding)*** ; forget it not; neither turn from the words of my peh ***(mouth)*** . |
| PRO 4:6 זאָלסט זי נישט פֿאַרלאָזן, און זי וועט דיך באַהיטן, האָב זי ליב, און זי וועט דיך אויפֿפּאַסן. edit | PRO 4:6 zolst zi nisht farlozen, un zi vet dich bahiten, hob zi lib, un zi vet dich oifpasen. | PRO 4:6 Forsake her not, and she shall be shomer over thee; love her, and she shall protect thee. |
| PRO 4:7 דער אָנהייב פֿון חכמה איז: קויף חכמה, יאָ, מיט דײַן גאַנצן אייגנס קויף פֿאַרשטאַנדיקייט. edit | PRO 4:7 der onheib fun chochme iz: koif chochme, yo, mit dain gantsen eigens koif forshtandikeit. | PRO 4:7 Chochmah is the principal thing; therefore get chochmah, and with all thy getting get binah ***(understanding)*** . |
| PRO 4:8 האַלט זי הויך, און זי וועט דיך דערהייבן; זי וועט דיר אָנטאָן כּבֿוד, אַז דו וועסט זי האַלדזן. edit | PRO 4:8 halt zi hoich, un zi vet dich derheiben; zi vet dir onton koved, az du vest zi haldzen. | PRO 4:8 Exalt her, and she shall promote thee; she shall honor thee with kavod, when thou dost embrace her. |
| PRO 4:9 זי וועט געבן דײַן קאָפּ אַ קראַנץ פֿון חן, אַ קרוין פֿון שיינקייט וועט זי דיר דערלאַנגען. edit | PRO 4:9 zi vet geben dain kop a krants fun chen, a kroin fun sheinkeit vet zi dir derlangen. | PRO 4:9 She shall give to thine head a garland of chen; an ateret ***(crown)*** of tiferet ***(glory)*** shall she present to thee. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 4:10 הער, מײַן זון, און פֿאַרנעם מײַנע װערטער, און דיר װעלן געמערט װערן יאָרן פֿון לעבן. edit | PRO 4:10 her, main zun, un farnem maine verter, un dir velen gemert veren yoren fun leben. | PRO 4:10 Hear, O beni ***(my son)*** , and receive my sayings; and thy shnot chayyim shall be many. |
| PRO 4:11 אין דעם װעג פֿון חכמה האָב איך דיך געלערנט, דיך געפֿירט אין די שטעגן פֿון רעכטפֿאַרטיקייט. edit | PRO 4:11 in dem veg fun chochme hob ich dich gelernt, dich gefirt in di shtegen fun rechtfartikeit. | PRO 4:11 I have taught thee in the derech chochmah; I have led thee in ma'aglei yosher ***(right paths)*** . |
| PRO 4:12 אַז דו װעסט גײן, װעט נישט ענג זײַן דײַן טריט, און אַז דו װעסט לױפֿן, װעסטו נישט געשטרויכלט װערן. edit | PRO 4:12 az du vest gein, vet nisht eng zain dain trit, un az du vest loifen, vestu nisht geshtroichlt veren. | PRO 4:12 When thou goest, thy steps shall not be hindered; and when thou runnest, lo tikashel ***(thou shalt not stumble)*** . |
| PRO 4:13 האַלט זיך אָן מוסר , זאָלסט נישט אָפּלאָזן, היט דאָס אָפּ, װאָרום דאָס איז דײַן לעבן. edit | PRO 4:13 halt zich on musar , zolst nisht oplozen, hit dos op, vorem dos iz dain leben. | PRO 4:13 Take firm hold of musar; let her not go; guard her; for she is thy chayyim. |
| PRO 4:14 אין שטעג פֿון די רשָעים זאָלסטו נישט קומען, און נישט טרעטן אין װעג פֿון די שלעכטע. edit | PRO 4:14 in shteg fun di reshoiem zolstu nisht kumen, un nisht treten in veg fun di shlechte. | PRO 4:14 Enter not into the orach resha'im, and go not on the derech ra'im ***(road of the wicked)*** . |
| PRO 4:15 מײַד אים אױס, זאָלסט אים נישט פֿאַרבײַגײן, װײַך פֿון אים, און גײ אַװעק. edit | PRO 4:15 maid im ois, zolst im nisht farbaigein, vaich fun im, un gei avek. | PRO 4:15 Avoid it, travel al ***(not)*** on it, turn from it, and pass on. |
| PRO 4:16 װאָרום זײ קענען נישט שלאָפֿן װוּ זײ טוען נישט שלעכטס, און זײער שלאָף איז | PRO 4:16 vorem zei kenen nisht shlofen vu zei tuen nisht shlechts, un zeyer shlof iz geroibt vu zei machen nisht | PRO 4:16 For they sleep not, unless they have done evil; and their sheynah ***(sleep)*** is robbed, unless they cause some to fall. |

| | | |
|---|---|---|
| גערויבט ווּ זיי מאַכן נישט שטרויכלען. edit | shtroichlen. | |
| PRO 4:17 וואָרום זיי שפּייַזן זיך מיט שפּייַז פֿון שלעכטס, און ווייַן פֿון רויב טרינקען זיי. edit | PRO 4:17 vorem zei shpaizen zich mit shpaiz fun shlechts, un vain fun roib trinken zei. | PRO 4:17 For they eat the lechem of resha, and drink the yayin of chamasim ***(violences)*** . |
| PRO 4:18 אָבער דער שטעג פֿון די צדיקים איז ווי דאָס ליכט פֿון באַגינען, וואָס ווערט אַלץ ליכטיקער ביז אין רעכטן טאָג. edit | PRO 4:18 ober der shteg fun di tsadikim iz vi dos licht fun baginen, vos vert alts lichtiker biz in rechten tog. | PRO 4:18 But the orach tzaddikim ***(path of the righteous)*** is as the bright light, that shineth brighter and brighter unto the full day. |
| PRO 4:19 דער וועג פֿון די רשָעים איז ווי פֿינצטערניש, זיי ווייסן נישט אָן וואָס זיי וועלן געשטרויכלט ווערן. edit | PRO 4:19 der veg fun di reshoiem iz vi fintsternish, zei veisen nisht on vos zei velen geshtroichlt veren. | PRO 4:19 The derech resha'im is as deep darkness; they know not at what they stumble. |
| PRO 4:20 מייַן זון, פֿאַרנעם מייַנע רייד, נייַג צו דייַן אויער צו מייַנע ווערטער. edit | PRO 4:20 main zun, farnem maine reid, neig tsu dain oier tsu maine verter. | PRO 4:20 Beni ***(my son)*** , attend to my words; incline thine ozen unto my sayings. |
| PRO 4:21 זאָלן זיי זיך נישט אָפּטאָן פֿון דייַנע אויגן; היט זיי אין דייַן האַרצן. edit | PRO 4:21 zolen zei zich nisht opton fun daine oigen; hit zei in dain hartsen. | PRO 4:21 Let them not depart from thine eyes; be shomer over them within thine lev. |
| PRO 4:22 וואָרום זיי זייַנען לעבן פֿאַר די וואָס געפֿינען זיי, און אַ היילונג פֿאַר זייער גאַנצן לייַב. edit | PRO 4:22 vorem zei zainen leben far di vos gefinen zei, un a heilung far zeyer gantsen laib. | PRO 4:22 For they are chayyim unto those that find them, and health to all their basar. |
| PRO 4:23 מער פֿון יעטוועדער היטונג פּאַס אויף דייַן האַרץ, | PRO 4:23 mer fun yetveder hitung pas oif dain harts, vorem fun im zainen di aroisgangen fun | PRO 4:23 Set watch over and guard thy lev with all diligence; for out of it are the totze'ot |

| | | |
|---|---|---|
| וואָרום פֿון אים זײַנען די אַרויסגאַנגען פֿון לעבן. edit | leben. | chayyim ***(issues, wellsprings of life)*** . |
| PRO 4:24 טו אָפּ פֿון דיר אַ קרום מויל, און פֿאַרקערטע ליפּן דערווײַטער פֿון דיר. edit | PRO 4:24 tu op fun dir a krum moil, un farkerte lipen dervaiter fun dir. | PRO 4:24 Put away from thee a deceitful peh ***(mouth)*** , and perverse sfatayim ***(lips)*** put far from thee. |
| PRO 4:25 דײַנע אויגן זאָלן קוקן אַנטקעגן, און דײַנע ברעמען זאָלן בליקן גלײַך פֿאַר דיר. edit | PRO 4:25 daine oigen zolen kuken antkegen, un daine bremen zolen bliken glaich far dir. | PRO 4:25 Let thine eynayim look straight forward, and let thine eyelids look straight before thee. |
| PRO 4:26 האַלט גלײַך דעם שטעג פֿון דײַנע פֿיס, און אַלע דײַנע וועגן זאָלן זײַן ריכטיק. edit | PRO 4:26 halt glaich dem shteg fun daine fis, un ale daine vegen zolen zain richtik. | PRO 4:26 Ponder the ma'agal ***(path)*** of thy raglayim, and let all thy drakhim be firm. |
| PRO 4:27 זאָלסט זיך נישט נײַגן רעכטס אָדער לינקס, טו אָפּ דײַן פֿוס פֿון שלעכטס. edit | PRO 4:27 zolst zich nisht neigen rechts oder links, tu op dain fus fun shlechts. | PRO 4:27 Turn not to the right hand nor to the left; remove thy regel from rah. |
| PRO 5:1 מײַן זון, פֿאַרנעם מײַן חכמה, נײַג דײַן אויער צו מײַן פֿאַרשטאַנדיקייט, edit | PRO 5:1 main zun, farnem main chochme, neig dain oier tsu main forshtandikeit, | PRO 5:1 Beni ***(my son)*** , attend unto my chochmah, and bow thine ozen to my tevunah ***(understanding)*** ; |
| PRO 5:2 כּדי זאָלסט אָפּהיטן געשײַטקייט, און דײַנע ליפּן זאָלן אויפֿפּאַסן קענשאַפֿט. edit | PRO 5:2 kedei zolst ophiten geshaitkeit, un daine lipen zolen oifpasen kenshaft. | PRO 5:2 That thou mayest regard mezimah ***(discretion)*** , and that thy sfatayim ***(lips)*** may keep da'as ***(knowledge)*** . |
| PRO 5:3 וואָרום האָניקזאַפֿט טריפֿן די ליפּן פֿון דער פֿרעמדער, און גלאַטער פֿון בוימל איז איר גומען. edit | PRO 5:3 vorem honikzaft trifen di lipen fun der fremder, un glater fun boimel iz ir gumen. | PRO 5:3 For the sfatayim ***(lips)*** of a zarah ***(strange woman)*** drip as a honeycomb, and her mouth is smoother than shemen ***(olive oil)*** ; |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 5:4 אָבער איר סוף איז ביטער ווי ווערמוט, שאַרף ווי אַ צווייישניידיקע שווערד. edit | PRO 5:4 ober ir sof iz biter vi vermut, sharf vi a tsveishnaidike shverd. | PRO 5:4 But her end is marah ***(bitter)*** as wormwood, sharp as a two-edged cherev. |
| PRO 5:5 אירע פֿיס נידערן צום טויט, אין שְׁאוֹל שפּאַרן אָן אירע פֿיס. edit | PRO 5:5 ire fis nideren tsum toit, in Sheol shparen on ire fis. | PRO 5:5 Her raglayim go down to mavet; her steps lead to Sheol. |
| PRO 5:6 כּדי זי זאָל נישט גיין דעם גלייַכן וועג פֿון לעבן, וואָגלען אירע שטעגן, זי ווייס נישט וווּהין. edit | PRO 5:6 kedei zi zol nisht gein dem glaichen veg fun leben, voglen ire shtegen, zi veis nisht vuhin. | PRO 5:6 Lest thou shouldest compare [hers] to the orach chayyim, her ma'agalot ***(paths)*** are crooked, that thou canst not know them. |
| PRO 5:7 און אַצונד, קינדער, הערט מיר צו, און איר זאָלט נישט אָפּקערן פֿון די ווערטער פֿון מייַן מויל. edit | PRO 5:7 un atsund, kinder, hert mir tsu, un ir zolt nisht opkeren fun di verter fun main moil. | PRO 5:7 Hear me now therefore, O ye banim, and turn not from the words of my peh ***(mouth)*** . |
| PRO 5:8 דערווייַטער פֿון איר דייַן וועג, און זאָלסט נישט גענענען צום אייַנגאַנג פֿון איר הויז, edit | PRO 5:8 dervaiter fun ir dain veg, un zolst nisht genenen tsum ingang fun ir hoiz, | PRO 5:8 Remove thy derech far from her, and come not near the petach ***(doorway)*** of her bais; |
| PRO 5:9 כּדי זאָלסט נישט געבן צו אַנדערע דייַן פֿרישקייט, און דייַנע יאָרן צו אַן אַכזר; edit | PRO 5:9 kedei zolst nisht geben tsu andere dain frishkeit, un daine yoren tsu an achzr; | PRO 5:9 Lest thou give thine hod ***(strength)*** unto others, and thy shanim unto the cruel one; |
| PRO 5:10 כּדי פֿרעמדע זאָלן זיך נישט זעטן מיט דייַן קראַפֿט, און דייַן מי זאָל נישט אָנקומען אין הויז פֿון אַ ווילדפֿרעמדן; edit | PRO 5:10 kedei fremde zolen zich nisht zeten mit dain kraft, un dain mi zol nisht onkumen in hoiz fun a vildfremden; | PRO 5:10 Lest zarim ***(strangers)*** be filled with thy koach; and thy toilings be in the bais nochri; |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 5:11 און וועסט ברומען אין דײַן סוף, ווען דײַן לײַב און דײַן פֿלייש וועט זײַן פֿאַרלענדט, edit | PRO 5:11 un vest brumen in dain sof, ven dain laib un dain fleish vet zain farlendt, | PRO 5:11 And thou mourn at the acharit ***(last, latter end, future)*** , when thy basar and thy body are consumed, |
| PRO 5:12 און וועסט זאָגן: ווי האָב איך פֿײַנט געהאַט מוסר, און שטראָף האָט פֿאַראַכט מײַן האַרץ, edit | PRO 5:12 un vest zogen: vi hob ich faint gehat musar, un shtrof hot faracht main harts, | PRO 5:12 And say, How have I hated musar, and my lev spurned tokhakhat ***(reproof)*** ; |
| PRO 5:13 און איך האָב נישט צוגעהערט דעם קָול פֿון מײַנע וועגווײַזער, און צו מײַנע לערער נישט צוגענײַגט מײַן אויער! edit | PRO 5:13 un ich hob nisht tsugehert dem kol fun maine vegvaizer, un tsu maine lerer nisht tsugenaigt main oier! | PRO 5:13 And have not obeyed the voice of my morim ***(teachers)*** , nor inclined mine ear to the ones who were my melamed! |
| PRO 5:14 איך בין שיר נישט געוואָרן אַל דאָס בייז אין דער אײַנזאַמלונג און עדה. edit | PRO 5:14 ich bin shir nisht gevoren al dos beiz in der inzamlung un eide. | PRO 5:14 I was at the brink of all rah ***(evil, ruin)*** in the midst of the kahal ***(congregation)*** and edah ***(assembly)*** . |
| PRO 5:15 טרינק וואַסער פֿון דײַן גרוב, און לויפֿיקס פֿון דײַן ברונעם. edit | PRO 5:15 trink vaser fun dain grub, un loifiks fun dain brunem. | PRO 5:15 Drink mayim out of thine own bor ***(cistern)*** , and running waters out of thine own well. |
| PRO 5:16 דײַנע קוואַלן וועלן זיך צעשפּרייטן דערויסן, אין די גאַסן – די בעכן וואַסער. edit | PRO 5:16 daine kvalen velen zich tseshpreiten deroisen, in di gasen – di bechen vaser. | PRO 5:16 Should thy fountains be dispersed abroad, and channels of mayim in the rekhovot ***(town squares)*** ? |
| PRO 5:17 דיר אַליין וועלן זיי געהערן, און נישט צו פֿרעמדע מיט דיר. edit | PRO 5:17 dir alein velen zei geheren, un nisht tsu fremde mit dir. | PRO 5:17 Let them be only thine own, and never zarim ***(strangers)*** with thee. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 5:18 זאָל דײַן קוואַל זײַן געבענטשט, און פֿריי זיך מיט דער ווײַב פֿון דײַן יוגנט. edit | PRO 5:18 zol dain kval zain gebentsht, un frai zich mit der vaib fun dain yugnt. | PRO 5:18 Let thy makor ***(fountain)*** be blessed; and rejoice with the isha of thy youth. |
| PRO 5:19 די ליבלעכע הינדין, און די חֵנעוודיקע הירשין, אירע בריסט זאָלן דיך זעטן אין אַלע צײַטן, און צו איר ליבשאַפֿט זאָלסטו זײַן איבערגעגעבן תּמיד. edit | PRO 5:19 di libleche hindin, un di chenevdike hirshin, ire brist zolen dich zeten in ale tsaiten, un tsu ir libshaft zolstu zain ibergegeben tmid. | PRO 5:19 Let her be as the loving deer and graceful doe; let her breasts satisfy thee at all times; and be thou enraptured tamid ***(ever)*** with ahavat ***(love of)*** her. |
| PRO 5:20 און נאָך וואָס, מײַן זון, זאָלסטו זיך אָפּגעבן מיט אַ פֿרעמדער, און אַרומנעמען דעם בוזעם פֿון אַן אַנדערער? edit | PRO 5:20 un noch vos, main zun, zolstu zich opgeben mit a fremder, un arumnemen dem buzem fun an anderer? | PRO 5:20 And why wilt thou, beni ***(my son)*** , be intoxicated with a zarah ***(strange woman)*** , and embrace the kheyk ***(bosom)*** of a nochriyah ***(foreign [heathen] woman)*** ? |
| PRO 5:21 וואָרום פֿאַר ה׳ס אויגן זײַנען די וועגן פֿון אַ מענטשן, און אַלע זײַנע שטעגן לייגט ער אויס. edit | PRO 5:21 vorem far Hashem's oigen zainen di vegen fun a mentshen, un ale zaine shtegen leigt er ois. | PRO 5:21 For the drakhim ish are before the eyes of HASHEM , and He pondereth all his ma'agalot ***(paths)*** . |
| PRO 5:22 זײַנע אייגענע זינד באַצווינגען דעם רָשע, און אין די שטריק פֿון זײַן חטא ווערט ער פֿאַרהאַלטן. edit | PRO 5:22 zaine eigene zind batsvingen dem roshe, un in di shtrik fun zain chet vert er farhalten. | PRO 5:22 His own avonot shall entrap the rashah himself, and he shall be held fast by the cords of his chattat. |
| PRO 5:23 ער שטאַרבט אָן מוסר; און דורך זײַן גרויס נאַרישקייט ווערט ער פֿאַרבלאָנדזשעט. edit | PRO 5:23 er shtarbt on musar; un durch zain grois narishkeit vert er farblondzhet. | PRO 5:23 He shall die without musar; and in the greatness of his folly he shall be led astray. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 6:1 מײַן זון, אויב דו ביסט עָרבֿ געווען פֿאַר דײַן חבֿר, געגעבן דײַן האַנט פֿאַר אַ פֿרעמדן, edit | PRO 6:1 main zun, oib du bist orev geven far dain chever, gegeben dain hant far a fremden, | PRO 6:1 Beni ***(my son)*** , if thou put up collateral for thy re'a, if thou hast shaken hands in pledge with a zar ***(stranger)*** , |
| PRO 6:2 ביסטו געכאַפּט אין די ווערטער פֿון דײַן מויל, ביסטו געפֿאַנגען אין די ווערטער פֿון דײַן מויל. edit | PRO 6:2 bistu gechapt in di verter fun dain moil, bistu gefangen in di verter fun dain moil. | PRO 6:2 Thou art snared with the words of thy peh ***(mouth)*** , thou art trapped with the words of thy peh ***(mouth)*** . |
| אומווערדיקייט ביַי ה׳, און די תּפילה פֿון רעכטפֿאַרטיקע איז זיַין רָצון. edit | Hashem, un di tfile fun rechtfartiken iz zain rotsen. | , but the tefillah ***(prayer)*** of the yesharim is His delight. |
| PRO 15:9 אַן אומווערדיקייט ביַי ה׳ איז דער וועג פֿון דעם רָשע, און דעם וואָס יאָגט זיך נאָך גערעכטיקייט האָט ער ליב. edit | PRO 15:9 an umverdikeit bai Hashem iz der veg fun dem roshe, un dem vos yogt zich noch gerechtikeit hot er lib. | PRO 15:9 The derech rashah is a to'evah unto HASHEM , but He loveth him that pursueth tzedakah. |
| PRO 15:10 אַ בייזע שטראָף {בזה} איז פֿאַר דעם וואָס פֿאַרלאָזט דעם וועג, דער וואָס האָט פֿיַינט מוסר וועט שטאַרבן. edit | PRO 15:10 a beize shtrof iz far dem vos farlozt dem veg, der vos hot faint musar vet shtarben. | PRO 15:10 Musar is grievous unto him that forsaketh the orach ***(way)*** , and he that hateth tokhakhat ***(reproof)*** shall die. |
| PRO 15:11 די שְׁאוֹל און דער אָפּגרונט זיַינען פֿאַר ה׳, היַינט ווי שוין די הערצער פֿון די מענטשנקינדער! edit | PRO 15:11 di Sheol un der opgrunt zainen far Hashem, haint vi shoin di hertser fun di mentshnkinder! | PRO 15:11 Sheol and Avaddon are before HASHEM , how much more then the hearts of Bnei Adam? |
| PRO 15:12 דער שפּעטער האָט נישט ליב מע זאָל אים שטראָפֿן, ער וויל נישט גיין צו חכמים. edit | PRO 15:12 der shpeter hot nisht lib me zol im shtrofen, er vil nisht gein tsu chachomim. | PRO 15:12 A scoffer loveth not one that correcteth him, neither will he go unto chachamim. |
| PRO 15:13 אַ פֿריילעך האַרץ מונטערט אויף דעם פּנים, און פֿון האַרצקלעמעניש ווערט דאָס געמיט דערשלאָגן. edit | PRO 15:13 a freilech harts muntert oif dem ponem, un fun hartsklemenish vert dos gemit dershlogen. | PRO 15:13 A lev same'ach maketh a cheerful countenance, but by sorrow of the lev the ruach is broken. |
| PRO 15:14 דאָס האַרץ פֿון דעם פֿאַרשטאַנדיקן זוכט | PRO 15:14 dos harts fun dem farshtandiken zucht kenshaft, un dos moil fun di naren fitert | PRO 15:14 The lev of him that hath understanding seeketh da'as, but the peh ***(mouth)*** of kesilim |

| | | |
|---|---|---|
| קענשאַפֿט, און דאָס מויל פֿון די נאַרן פֿיטערט זיך אויף טיפּשות. edit | zich oif tipshut. | feedeth on folly. |
| PRO 15:15 אַלע טעג פֿון דעם אָרימאַן זײַנען שלעכטע, אָבער בײַ דעם וואָס האָט אַ פֿריילעך האַרץ איז תּמיד אַ סעודה. edit | PRO 15:15 ale teg fun dem oriman zainen shlechte, ober bai dem vos hot a freilech harts iz tmid a sude. | PRO 15:15 All the days of the oni are ra'im, but he that is of a tov lev hath a mishteh tamid ***(a continual feast)*** . |
| PRO 15:16 בעסער ווינציק מיט מורא פֿאַר ה׳, איידער אַ גרויסער אוצר מיט צעטומלטקייט דערבײַ. edit | PRO 15:16 beser vintsik mit moire far Hashem, eider a groiser oitser mit tsetumltkeit derbai. | PRO 15:16 Better is little with the Yirat HASHEM than otzar rav ***(great treasure)*** and trouble therewith. |
| PRO 15:17 בעסער אַ מאָלצײַט פֿון גרינס וווּ ליבשאַפֿט איז דאָ, איידער אַ געשטאָפּטער אָקס מיט שׂינאה דערבײַ. edit | PRO 15:17 beser a moltsait fun grins vu libshaft iz do, eider a geshtopter oks mit sine derbai. | PRO 15:17 Better is a meal of yarak ***(vegetables)*** where love is, than a fatted calf and sinah ***(hatred)*** therewith. |
| PRO 15:18 אַ כּעסן מאַכט אָן שטרײַט, און אַן אײַנגעהאַלטענער אין צאָרן שטילט אײַן קריג. edit | PRO 15:18 a kesen macht on shtrait, un an ingehaltener in tsoren shtilt ein krig. | PRO 15:18 An ish chemah ***(angry man)*** stirreth up madon ***(strife)*** , but he that is slow to anger pacifies a quarrel. |
| PRO 15:19 דער וועג פֿון דעם פֿוילן איז ווי פֿאַרצאַמט מיט דערנער, אָבער דער שטעג פֿון דעם רעכטפֿאַרטיקן איז אויסגעגלײַכט. edit | PRO 15:19 der veg fun dem foilen iz vi fartsamt mit derner, ober der shteg fun dem rechtfartiken iz oisgeglaicht. | PRO 15:19 The derech ***(road)*** of the atzel ***(sluggard, lazy one)*** is a thorny hedge, but the orach yesharim ***(way of the upright)*** is a highway. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 15:20 אַ קלוגער זון דערפֿרייט דעם פֿאָטער, און אַ נאַרישער מענטש איז מבֿזה {בזה} זײַן מוטער. edit | PRO 15:20 a kluger zun derfreit dem foter, un a narisher mentsh iz mevaze zain muter. | PRO 15:20 A ben chacham maketh glad an av, but a kesil adam despiseth immo. |
| PRO 15:21 נאַרישקייט איז אַ פֿרייד בײַ דעם וואָס פֿעלט שׂכל, אָבער אַ מענטש מיט פֿאַרשטאַנדיקייט גייט גלײַך. edit | PRO 15:21 narishkeit iz a freid bai dem vos felt seichel, ober a mentsh mit forshtandikeit geit glaich. | PRO 15:21 Folly is simchah to him that is destitute of lev, but an ish tevunah walketh uprightly. |
| PRO 15:22 אָן באַראָט ווערן טראַכטונגען פֿאַרשטערט, און דורך פֿיל יועצים קומען זיי צו שטאַנד. edit | PRO 15:22 on barot veren trachtungen farshtert, un durch fil yuetsim kumen zei tsu shtand. | PRO 15:22 Without counsel, plans go amiss, but in the multitude of yo'atzim ***(counsellors)*** they are established. |
| PRO 15:23 אַ מענטש האָט פֿרייד פֿון דעם ענטפֿער פֿון זײַן מויל, און אַ וואָרט אין דער צײַט – ווי גוט דאָס איז! edit | PRO 15:23 a mentsh hot freid fun dem entfer fun zain moil, un a vort in der tsait – vi gut dos iz! | PRO 15:23 An ish hath simchah in the apt reply of his peh ***(mouth)*** , and a timely davar, mah tov ***(how good!)*** |
| PRO 15:24 דער וועג פֿון לעבן איז אַרויף צו פֿאַרן קלוגן, כּדי זיך אָפּצוקערן פֿון דער שְׁאוֹל אונטן. edit | PRO 15:24 der veg fun leben iz aroifblikendik tsu faran klugen, kedei zich optsukeren fun der Sheol unten. | PRO 15:24 The Orach Chayyim leads upward to the wise, in order that he may depart from Sheol beneath. |
| PRO 15:25 דאָס הויז פֿון די שטאָלצע רײַסט ה׳ אויס, און ער שטעלט אויף דעם גרענעץ פֿון דער אַלמנה. edit | PRO 15:25 dos hoiz fun di shtoltse raist Hashem ois, un er shtelt oif dem grenets fun der almone. | PRO 15:25 HASHEM will destroy the bais of the proud, but he will maintain the boundary of the almanah. |
| PRO 15:26 אַן אומווערדיקייט בײַ | PRO 15:26 an umverdikeit bai Hashem zainen machshoves fun | PRO 15:26 The thoughts of the rah are a to'evah to HASHEM , but |

| | | |
|---|---|---|
| ה׳ זײַנען מחשבֿות פֿון בײז, און רײן בײַ אים זײַנען װערטער פֿון ליבלעכקײט. edit | beiz, un rein bai im zainen verter fun liblechkeit. | the words of the tehorim ***(pure ones)*** are pleasant. |
| PRO 15:27 זײַן הויז פֿאַראומגליקט דער װאָס איז גײַציק נאָך געװין, און דער װאָס האָט פֿײַנט מתּנות װעט לעבן. edit | PRO 15:27 zain hoiz farumglikt der vos iz gaitsik noch gevin, un der vos hot faint matonus vet leben. | PRO 15:27 He that is greedy of unjust gain troubleth his own bais, but he that hateth mattanot ***(bribes)*** shall live. |
| PRO 15:28 דאָס האַרץ פֿון דעם צדיק קלערט-נאָך צו ענטפֿערן, און דאָס מויל פֿון רשָעים גאַװערט בײזעניש. edit | PRO 15:28 dos harts fun dem tsadik klert-noch tsu entferen, un dos moil fun reshoiem gavert beizenishen. | PRO 15:28 The lev tzaddik studieth how to answer, but the peh ***(mouth)*** of the resha'im poureth out evil things. |
| PRO 15:29 װײַט איז ה׳ פֿון רשָעים, אָבער די תּפֿילה פֿון צדיקים הערט ער. edit | PRO 15:29 vait iz Hashem fun reshoiem, ober di tfile fun tsadikim hert er. | PRO 15:29 HASHEM is far from the resha'im, but He heareth the tefillah of the tzaddikim. |
| PRO 15:30 אַ ליכט אין די אויגן איז דער װאָס דערפֿרײט דאָס האַרץ, אַ גוטע בשׂורה מאַכט פֿעט דאָס געבײן. edit | PRO 15:30 a licht in di oigen iz der vos derfreit dos harts, a gute besoire macht fet dos gebein. | PRO 15:30 The ohr ***(light)*** of the eynayim rejoiceth the lev, and a good report giveth health to the etzem. |
| PRO 15:31 דאָס אויער װאָס הערט-צו דעם מוסר פֿון לעבן, װעט צװישן די חכמים רוען. edit | PRO 15:31 dos oier vos hert-tsu dem musar fun leben, vet tsvishen di chachomim ruen. | PRO 15:31 The ozen that heareth the tokhakhat chayyim ***(reproof of life)*** lodgeth among chachamim. |
| PRO 15:32 דער װאָס מײַדט אויס מוסר , פֿאַראַכט זײַן זעל, און דער װאָס הערט-צו שטראָף, קריגט שׂכל. edit | PRO 15:32 der vos maidt ois musar , faracht zain zel, un der vos hert-tsu shtrof, krigt seichel. | PRO 15:32 He that refuseth musar despiseth his own nefesh, but he that heareth tokhakhat ***(reproof)*** getteth lev. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 15:33 מורא פֿאַר ה׳ איז די מוסר פֿון חכמה, און פֿאַר כּבֿוד קומט עניוות. edit | PRO 15:33 moire far Hashem iz di musar fun chochme, un far koved kumt enivet. | PRO 15:33 The Yirat HASHEM is the musar of chochmah; and before kavod ***(honor)*** is anavah ***(humility)*** . |
| PRO 16:1 דעם מענטשנס זײַנען די צוגרייטענישן פֿון האַרצן, אָבער פֿון ה׳ איז דער ענטפֿער פֿון דער צונג. edit | PRO 16:1 dem mentshns zainen di tsugreitenishen fun hartsen, ober fun Hashem iz der entfer fun der tsung. | PRO 16:1 The plans of the lev belong to adam, and the answer of the lashon is from HASHEM . |
| PRO 16:2 אַלע וועגן פֿון אַ מענטשן זײַנען ריין אין זײַנע אויגן, אָבער ה׳ פֿאָרשט די גײַסטער. edit | PRO 16:2 ale vegen fun a mentshen zainen rein in zaine oigen, ober Hashem forsht di gaister. | PRO 16:2 All the drakhei ish are pure in his own eynayim, but HASHEM weigheth the ruchot. |
| PRO 16:3 לייג אַרויף דײַנע טוּונגען אויף ה׳, און דײַנע מחשבֿות וועלן צו שטאַנד קומען. edit | PRO 16:3 leig aroifblikendik daine tuungen oif Hashem, un daine machshoves velen tsu shtand kumen. | PRO 16:3 Commit thy ma'asim ***(works)*** unto HASHEM , and thy plans shall be established. |
| PRO 16:4 אַלץ האָט ה׳ געמאַכט פֿאַר זײַן צוועק, און אויך דעם רָשע פֿאַרן טאָג פֿון בייז. edit | PRO 16:4 alts hot Hashem gemacht far zain tsvek, un oich dem roshe faran tog fun beiz. | PRO 16:4 HASHEM works out all things for Himself, indeed, even the rasha ***(wicked)*** for the Yom Ra'ah ***(day of evil)*** . |
| PRO 16:5 אַן אומווערדיקייט בײַ ה׳ איז איטלעכער וואָס האָט אַ האָפֿערדיק האַרץ; נאַ דיר מײַן האַנט! אים וועט נישט געשאָנקען ווערן. edit | PRO 16:5 an umverdikeit bai Hashem iz itlecher vos hot a hoferdik harts; na dir main hant! im vet nisht geshonken veren. | PRO 16:5 Every one that is proud in lev is to'evat HASHEM ; though yad join in yad, he shall not go unpunished. |
| PRO 16:6 דורך גענאָד און אמת ווערט זינד פֿאַרגעבן, און דורך מורא פֿאַר ה׳ קערט מען זיך אָפּ פֿון שלעכטס. edit | PRO 16:6 durch genod un emes vert zind fargeben, un durch moire far Hashem kert men zich op fun shlechts. | PRO 16:6 By chesed and emes avon is purged, and by the Yirat HASHEM men depart from rah. |

| | | |
|---|---|---|
| אַז ה׳ באַוויליקט די וועגן PRO 16:7 פֿון אַ מענטשן, מאַכט ער אַפֿילו זײַנע פֿײַנט שָׁלוֹם מיט אים. edit | PRO 16:7 az Hashem bavilikt di vegen fun a mentshen, macht er afile zaine faint shalom mit im. | PRO 16:7 When drakhei ish please HASHEM , He maketh even his oyevim to be in shalom with him. |
| בעסער ווינציק דורך PRO 16:8 גערעכטיקייט, איידער פֿיל הכנָסות דורך אומרעכט. edit | PRO 16:8 beser vintsik durch gerechtikeit, eider fil hchnosut durch umrecht. | PRO 16:8 Better is a little with tzedakah than great revenues without mishpat ***(justice)*** . |
| דעם מענטשנס האַרץ PRO 16:9 דענקט זײַן וועג, אָבער ה׳ לענקט זײַן טריט. edit | PRO 16:9 dem mentshns harts denkt zain veg, ober Hashem lenkt zain trit. | PRO 16:9 The lev adam plans his derech, but HASHEM directeth his steps. |
| אַ כּישוף איז אויפֿן PRO 16:10 מלכס ליפּן, זײַן מויל פֿעלשט נישט בײַם משפּט. edit | PRO 16:10 a kishef iz oifen melech's lipen, zain moil felsht nisht baim mishpot. | PRO 16:10 A kesem ***(oracle)*** is on the sfatayim ***(lips)*** of Melech, his peh ***(mouth)*** must not betray mishpat. |
| ריכטיקע וואָג און PRO 16:11 וואָגשאָלן זײַנען פֿון ה׳, זײַן ווערק זײַנען אַלע וואָגשטיינער פֿון בײַטל. edit | PRO 16:11 richtike vog un vogsholen zainen fun Hashem, zain verk zainen ale vogshteiner fun baitl. | PRO 16:11 A just weight and balance are HASHEM 's, all the weights of the bag are His concern. |
| אַן אומווערדיקייט בײַ PRO 16:12 מלכים איז טאָן שלעכטס, וואָרום דורך גערעכטיקייט באַשטייט דער טראָן. edit | PRO 16:12 an umverdikeit bai Molechim iz ton shlechts, vorem durch gerechtikeit bashteit der tron. | PRO 16:12 It is to'evat melachim to commit resha ***(wickedness)*** , for the kisse is established through tzedakah. |
| דער רָצון פֿון מלכים איז PRO 16:13 אויף ריכטיקע ליפּן, און דעם וואָס רעדט די ריכטיקייט האָבן זיי ליב. edit | PRO 16:13 der rotsen fun Molechim iz oif richtike lipen, un dem vos redt di richtikeit hoben zei lib. | PRO 16:13 Sfatayim ***(lips)*** of tzedek are the delight of melachim; and they love him that speaketh yesharim ***(upright things)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 16:14 דער גרימצאָרן פֿון מלך איז אַ מלאך-המות, אָבער אַ קלוגער מאַן שטילט אים איַין. edit | PRO 16:14 der grimtsoren fun melech iz a malech-hmut, ober a kluger man shtilt im ein. | PRO 16:14 The wrath of a melech is as malachim of mavet, but an ish chacham will appease it. |
| PRO 16:15 אין שייַן פֿון מלכס פּנים איז לעבן, און זייַן גוטוויליקייט איז ווי אַ וואָלקן פֿון שפּעטרעגן. edit | PRO 16:15 in shein fun melech's ponem iz leben, un zain gutvilikeit iz vi a volken fun shpetregen. | PRO 16:15 In the light of the countenance of melech is chayyim, and his favor is like the cloud of a spring rain. |
| PRO 16:16 ווי בעסער זיך איַינצוקויפֿן חכמה איידער גאָלד! און זיך איַינצוקויפֿן שׂכל איז בילכער ווי זילבער. edit | PRO 16:16 vi beser zich intsukoifen chochme eider gold! un zich intsukoifen seichel iz bilcher vi zilber. | PRO 16:16 How much better is it to acquire chochmah than gold, and acquiring binah ***(understanding)*** a better choice than kesef! |
| PRO 16:17 דער שטעג פֿון די רעכטפֿאַרטיקע איז זיך אָפּצוקערן פֿון שלעכטס, דער וואָס היט זייַן זעל, פֿאַסט אויף זייַן וועג. edit | PRO 16:17 der shteg fun di rechtfartiken iz zich optsukeren fun shlechts, der vos hit zain zel, fast oif zain veg. | PRO 16:17 The mesilat yesharim ***(highway of the upright)*** is to depart from rah; he that guards his derech is shomer over his nefesh ***(soul)*** . |
| PRO 16:18 פֿאַר אַ בראָך קומט שטאָלץ, און פֿאַר אַן אַנידערפֿאַל, אַ האָפֿערדיק געמיט. edit | PRO 16:18 far a broch kumt shtolts, un far an aniderfal, a hoferdik gemit. | PRO 16:18 Ga'on ***(pride)*** goeth before shever ***(destruction)*** , and a ruach of haughtiness before a fall. |
| PRO 16:19 בעסער אַ נידעריק געמיט צווישן די באַשיידענע, איידער טיילן רויב מיט די שטאָלצע. edit | PRO 16:19 beser a niderik gemit tsvishen di basheidene, eider teilen roib mit di shtoltse. | PRO 16:19 Better it is to be of a humble ruach among the anayim, than to divide the plunder with the proud. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 16:20 דער וואָס אַכט אויף דעם וואָרט, וועט געפֿינען גוטס, און דער וואָס פֿאַרזיכערט זיך אויף ה׳, אַז וויל איז צו אים! edit | PRO 16:20 der vos acht oif dem vort, vet gefinen guts, un der vos farzichert zich oif Hashem, az voil iz tsu im! | PRO 16:20 He that wisely heeds the Davar shall find tov ***(good)*** , and he who trusteth in HASHEM , happy is he. |
| PRO 16:21 מיטן קלוגהאַרציקן טרעפֿט זיך דער פֿאַרשטאַנדיקער, און זיסקייט פֿון די ליפּן מערט לערנונג. edit | PRO 16:21 miten klughartsiken treft zich der forshtandiker, un ziskeit fun di lipen mert lernung. | PRO 16:21 The chacham lev shall be called prudent, and the sweetness of the sfatayim ***(lips)*** adds to learning. |
| PRO 16:22 שׂכל איז אַ קוואַל פֿון לעבן פֿאַר דעם וואָס האָט עס, און נאַרישקייט איז אַ שטראָף {מוסר} פֿאַרן נאַרן. edit | PRO 16:22 seichel iz a kval fun leben far dem vos hot es, un narishkeit iz a shtrof faran naren. | PRO 16:22 Seichel is a Makor Chayyim unto him that hath it, but the musar ***(instruction, discipline)*** of fools is folly. |
| PRO 16:23 דאָס האַרץ פֿון דעם חכם מאַכט קלוג זײַן מויל, און מערט לערנונג אויף זײַנע ליפּן. edit | PRO 16:23 dos harts fun dem chochem macht klug zain moil, un mert lernung oif zaine lipen. | PRO 16:23 The lev chacham guides his peh ***(mouth)*** , and addeth learning to his sfatayim ***(lips)*** . |
| PRO 16:24 האָניקזאַפּט זײַנען ליבלעכע רייד, זיס פֿאַר דער זעל, און אַ היילונג פֿאַרן געביין. edit | PRO 16:24 honikzaft zainen libleche reid, zis far der zel, un a heilung faran gebein. | PRO 16:24 Pleasant words are as a honeycomb, sweet to the nefesh, and marpeh ***(healing)*** to the atzmot ***(bones)*** . |
| PRO 16:25 פֿאַראַן אַ וועג וואָס איז גלײַך בײַם מענטשן, און זײַן סוף זײַנען וועגן פֿון טויט. edit | PRO 16:25 faran a veg vos iz glaich baim mentshen, un zain sof zainen vegen fun toit. | PRO 16:25 There is a derech that seemeth yashar ***(right)*** before an ish, but its acharit ***(future, latter end)*** is the drakhei mavet. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 16:26 דער הונגער פֿון אַרבעטער אַרבעט אין אים, וואָרום זײַן מויל טרײַבט אים אָן. edit | PRO 16:26 der hunger fun arbeter arbet in im, vorem zain moil traibt im on. | PRO 16:26 The nefesh ***(appetite)*** of the laborer works for him, for his peh ***(mouth)*** of hunger driveth him on. |
| PRO 16:27 דער נידערטרעכטיקער מענטש גראָבט אויס בייז, און אויף זײַן ליפּ איז ווי אַ בראַנדפֿײַער. edit | PRO 16:27 der nidertrechtiker mentsh grobt ois beiz, un oif zain lip·iz vi a brandfaier. | PRO 16:27 An ish Beliya'al diggeth up ra'ah, and in his sfatayim ***(lips)*** there is as a scorching eish. |
| PRO 16:28 דער מענטש פֿון פֿאַרקערטקייט מאַכט אָן קריג, און דער אונטערהעצער צעשיידט גוטע פֿרײַנט. edit | PRO 16:28 der mentsh fun farkertkeit macht on krig, un der unterhetser tsesheidt gute fraint. | PRO 16:28 A perverse ish soweth madon ***(strife, dissension)*** , and a whisperer separateth close friends. |
| PRO 16:29 דער מאַן פֿון אומרעכט רעדט אָן זײַן חבֿר, און פֿירט אים אויפֿן נישט גוטן וועג. edit | PRO 16:29 der man fun umrecht redt on zain chever, un firt im oifen nisht guten veg. | PRO 16:29 An ish chamas enticeth his re'a, and leadeth him into the derech that is not good. |
| PRO 16:30 דער וואָס דריקט-צו די אויגן, איז דאָס אויסצוקלערן פֿאַרקערטקייט; דער וואָס בײַסט די ליפּן, וויל אויספֿירן שלעכטס. edit | PRO 16:30 der vos drikt-tsu di oigen, iz dos oistsukleren farkertkeit; der vos baist di lipen, vil oisfiren shlechts. | PRO 16:30 He winking his eynayim to plot perverse things, compressing his sfatayim ***(lips)*** , bringeth ra'ah to pass. |
| PRO 16:31 אַ שיינע קרוין איז אַ גראָער קאָפּ; אויפֿן וועג פֿון גערעכטיקייט ווערט זי געפֿונען. edit | PRO 16:31 a sheine kroin iz a groer kop; oifen veg fun gerechtikeit vert zi gefunen. | PRO 16:31 The silvery hair is an ateret tiferet; it is found in the derech tzedakah. |
| PRO 16:32 בעסער אַן אײַנגעהאַלטענער אין צאָרן | PRO 16:32 beser an ingehaltener in tsoren eider a giber, un der vos | PRO 16:32 He that is slow to anger is better than the gibbor; and he |

| | | |
|---|---|---|
| איידער אַ גִבור, און דער וואָס געוועלטיקט איבער זײַן געמיט, איידער דער וואָס באַצווינגט אַ שטאָט. edit | geveltikt iber zain gemit, eider der vos batsvingt a shtot. | that ruleth his ruach than he that captures a city. |
| PRO 16:33 אין שוים וואַרפֿט מען דעם גורל, אָבער פֿון ה׳ איז זײַן יעטוועדער באַשייד. edit | PRO 16:33 in shoim vorft men dem goral, ober fun Hashem iz zain yetveder basheid. | PRO 16:33 The goral is cast into the kheyk ***(lap)*** , but the whole decision thereof is from HASHEM . |
| PRO 17:1 בעסער אַ טרוקענער ביסן און שלווה דערבײַ, איידער אַ הויז פֿול מיט זבָחים און קריג דערמיט. edit | PRO 17:1 beser a trukener bisen un shalve derbai, eider a hoiz ful mit zvchim un krig dermit. | PRO 17:1 Better is a dry crust, and quietness therewith, than a bais full of zevakhim ***(sacrificial religious meals)*** with strife. |
| PRO 17:2 אַ קלוגער קנעכט געוועלטיקט איבער אַ זון אַ טויגעניכטס, און צווישן די ברידער קריגט ער אַ חלק ירושה. edit | PRO 17:2 a kluger knecht geveltikt iber a zun a toigenichts, un tsvishen di brider krigt er a Chelek yerushe. | PRO 17:2 An eved maskil ***(wise servant)*** shall have rule over a ben that causeth shame, and shall have a share of the nachalah among the achim. |
| PRO 17:3 אַ טיגל פֿאַר זילבער, און אַ שמעלצאויוון פֿאַר גאָלד, אָבער די הערצער פּרוּווט ה׳. edit | PRO 17:3 a tigl far zilber, un a shmeltsoiven far gold, ober di hertser pruvet Hashem. | PRO 17:3 The crucible is for kesef, and the furnace for zahav, but HASHEM is the testor of hearts. |
| PRO 17:4 דער שלעכטסטוער הערט זיך אײַן צו דער ליפּ פֿון אומרעכט, דער ליגנער האָרכט צו דער צונג פֿון פֿאַרברעך. edit | PRO 17:4 der shlechtstuer hert zich ein tsu der lip·fun umrecht, der ligner horcht tsu der tsung fun farbrech. | PRO 17:4 An evildoer giveth heed to false sfatayim ***(lips)*** , and a sheker ***(liar)*** giveth ear to a spiteful lashon. |
| PRO 17:5 דער וואָס שפּאָט פֿון אַן | PRO 17:5 der vos shpot fun an | PRO 17:5 He who mocketh the poor |

| | | |
|---|---|---|
| אָרימאַן, לעסטערט זײַן באַשעפֿער; דעם וואָס פֿרייט זיך אויף אַ בראָך, וועט נישט געשאָנקען ווערן. edit | oriman, lestert zain Bashefer; dem vos freit zich oif a broch, vet nisht geshonken veren. | showeth contempt for his Oseh ***(Maker)*** , and he that gloats at calamities shall not go unpunished. |
| PRO 17:6 די קרוין פֿון אַלטע לײַט זײַנען קינדסקינדער, און די צירונג פֿון קינדער זײַנען זייערע עלטערן. edit | PRO 17:6 di kroin fun alte lait zainen kindskinder, un di tsirung fun kinder zainen zeyere elteren. | PRO 17:6 Bnei banim are the ateret of zekenim; and the tiferet of banim are their avot. |
| PRO 17:7 דעם מנוּוול פּאַסט נישט די שפּראַך פֿון ברייטקייט, נאָך ווינציקער דעם נָדבָן די שפּראַך פֿון ליגן. edit | PRO 17:7 dem mnuvl fast nisht di shprach fun breitkeit, noch vintsiker dem Nodaven di shprach fun ligen. | PRO 17:7 Eloquent speech becometh not a naval ***(fool)*** , much less do lying sfatayim ***(lips)*** a ruler. |
| PRO 17:8 אַ חן-דימענט איז שוחד אין די אויגן פֿון זײַן בעַלן; וווּהין נאָר מע קערט זיך דערמיט באַגליקט מען. edit | PRO 17:8 a chen-diment iz shochad in di oigen fun zain Baalen; vuhin nor me kert zich dermit baglikt men. | PRO 17:8 A shochad ***(gift, bribe)*** is like a charm in the eynayim of him that hath it: wherever he turneth, he prospereth. |
| PRO 17:9 דער וואָס זוכט ליבשאַפֿט, פֿאַרדעקט אויף זינד, און דער וואָס חזרט איבער גערייד, צעשיידט גוטע פֿרײַנט. edit | PRO 17:9 der vos zucht libshaft, fardekt oif zind, un der vos chzrt iber gereid, tsesheidt gute fraint. | PRO 17:9 He that covereth a peysha ***(transgression)*** seeketh love; but he that repeateth a matter separateth the best of friends. |
| PRO 17:10 אַ בייזערווירקט מער אויפֿן פֿאַרשטאַנדיקן, ווי הונדערט קלעפּ אויפֿן נאַרן. edit | PRO 17:10 a beizer virkt mer oifen farshtandiken, vi hundert klep oifen naren. | PRO 17:10 Ge'arah ***(scolding)*** goeth deeper into a meiven than a hundred blows into a kesil ***(fool)*** . |
| PRO 17:11 רַק דער | PRO 17:11 rak der vidershpeniker zucht beiz, ober an | PRO 17:11 A rah seeketh only rebellion; therefore a merciless |

| | | |
|---|---|---|
| ווידערשפּעניקער זוכט בייז, אָבער אַן אומדערבאַרימדיקער שָׁלִיח וועט אָנגעשיקט ווערן אויף אים. edit | umderbarimdiker sholiich vet ongeshikt veren oif im. | malach shall be sent to him. |
| PRO 17:12 בעסער אַ מענטשן זאָל אָנטרעפֿן אַ בערינטע באַרויבט פֿון אירע יונגע, אַבי נישט אַ נאַר מיט זײַן טיפּשות. edit | PRO 17:12 beser a mentshen zol ontrefen a berinte baroibt fun ire yunge, Avi nisht a nor mit zain tipshut. | PRO 17:12 Let an ish meet a dov robbed of her cubs rather than a kesil in his folly. |
| PRO 17:13 דער וואָס קערט אום אַ רָעה פֿאַר אַ טוֹבָה, וועט זיך נישט אָפּטאָן בייז פֿון זײַן הויז. edit | PRO 17:13 der vos kert um a roeh far a toive, vet zich nisht opton beiz fun zain hoiz. | PRO 17:13 He who rewardeth ra'ah for tovah, ra'ah shall not depart from his bais. |
| PRO 17:14 ווי מע לאָזט לויז וואַסער איז דער אָנהייב פֿון מחלוקות, דערום, איידער דער קריג ברעכט אויס, לאָז אָפּ. edit | PRO 17:14 vi me lozt loiz vaser iz der onheib fun mchlukut, derum, eider der krig brecht ois, loz op. | PRO 17:14 The beginning of madon ***(strife)*** is like releasing mayim, therefore stop contention before a quarrel begins. |
| PRO 17:15 דער וואָס מאַכט גערעכט דעם שולדיקן, און דער וואָס מאַכט שולדיק דעם גערעכטן, זיי ביידע זײַנען אַן אומווערדיקייט בײַ ה׳. edit | PRO 17:15 der vos macht gerecht dem shuldiken, un der vos macht shuldik dem gerechten, zei beide zainen an umverdikeit bai Hashem. | PRO 17:15 He that justifieth the rashah, and he that condemneth the tzaddik, even they both are to'evah to HASHEM . |
| PRO 17:16 וואָס טויג געלט אין דעם נאַרנס האַנט אויף צו קויפֿן חכמה, אַז קיין שׂכל איז | PRO 17:16 vos toig gelt in dem narns hant oif tsu koifen chochme, az kein seichel iz nishto? | PRO 17:16 Why is there the purchase price in the yad of a kesil ***(fool)*** to acquire chochmah, seeing he hath no |

| | | |
|---|---|---|
| נישטאָ? edit | | lev for it? |
| PRO 17:17 אין אַלע צײַטן איז אַ חבֿר אַ גוטער פֿרײַנט, אָבער פֿאַר אַ צרה איז אַ ברודער געבאָרן. edit | PRO 17:17 in ale tsaiten iz a chever a guter fraint, ober far a tsore iz a bruder geboren. | PRO 17:17 The re'a ***(friend)*** loveth at all times, and a brother is born for tzarah ***(adversity)*** . |
| PRO 17:18 אַ מענטש אָן שׂכל איז דער וואָס גיט אַ האַנט, וואָס איז עָרבֿ אַן עָרבֿות פֿאַר זײַן חבֿר. edit | PRO 17:18 a mentsh on seichel iz der vos git a hant, vos iz orev an eorvut far zain chever. | PRO 17:18 Adam devoid of lev shaketh hands in pledge, and becometh the security deposit for his neighbor. |
| PRO 17:19 דער וואָס האָט ליב קריג, האָט ליב פֿאַרברעך, דער וואָס מאַכט הויך זײַן טיר, זוכט אַ בראָך. edit | PRO 17:19 der vos hot lib krig, hot lib farbrech, der vos macht hoich zain tir, zucht a broch. | PRO 17:19 He loveth peysha ***(transgression, sin)*** that loveth strife, and he that maketh his threshold high seeketh shever ***(fracture)*** . |
| PRO 17:20 דער וואָס האָט אַ קרום האַרץ, וועט נישט געפֿינען קיין גוטס, און דער וואָס דרייט מיט דער צונג, וועט אַרײַנפֿאַלן אין בייז. edit | PRO 17:20 der vos hot a krum harts, vet nisht gefinen kein guts, un der vos dreit mit der tsung, vet arainfalen in beiz. | PRO 17:20 He that hath a crooked mind findeth no tov, and he that hath a deceitful lashon falleth into ra'ah. |
| PRO 17:21 דער וואָס געבערט אַ נאַרן, איז דאָס צו זײַן קומער, און דער פֿאָטער פֿון דעם נידערטרעכטיקן האָט נישט קיין נַחת. edit | PRO 17:21 der vos gebert a naren, iz dos tsu zain kumer, un der foter fun dem nidertrechtiken hot nisht kein Nachat. | PRO 17:21 He that begetteth a kesil doeth it to his sorrow, and the avi naval hath no simchah. |
| PRO 17:22 אַ פֿריילעך האַרץ איז אַ גוטע רפֿואה, און אַ דערשלאָגן געמיט טריקנט | PRO 17:22 a freilech harts iz a gute refue, un a dershlogen gemit triknt ois dos gebein. | PRO 17:22 A lev same'ach doeth tov like a medicine, but a downcast ruach drieth up the bones. |

| | | |
|---|---|---|
| אויס דאָס געביין. edit | | |
| PRO 17:23 דער רָשע נעמט אָן שוחד אויסן בוזעם, צו פֿאַרדרייען די וועגן פֿון גערעכטיקייט. edit | PRO 17:23 der roshe nemt on shochad oisen buzem, tsu fardreyen di vegen fun gerechtikeit. | PRO 17:23 A rasha accepts a shochad ***(bribe)*** out of the kheyk ***(bosom)*** , to pervert the orkhot mishpat ***(paths of justice)*** . |
| PRO 17:24 פֿאַרן פּנים פֿון פֿאַרשטאַנדיקן איז די חכמה, און די אויגן פֿון דעם נאַרן זײַנען אין עק וועלט. edit | PRO 17:24 faran ponem fun farshtandiken iz di chochme, un di oigen fun dem naren zainen in ek velt. | PRO 17:24 Chochmah is before the meiven ***(discerning one)*** ; but the eynayim of a kesil are on the ends of ha'aretz. |
| PRO 17:25 אַן ערגערניש פֿאַר זײַן פֿאָטער איז אַ זון אַ נאַר, און אַ ביטערניש פֿאַר זײַן געווינערין. edit | PRO 17:25 an ergernish far zain foter iz a zun a nor, un a biternish far zain gevinerin. | PRO 17:25 A ben kesil is a ka'as ***(grief)*** to aviv ***(his father)*** , and bitterness to her that bore him. |
| PRO 17:26 קיין גוטס קומט נישט אַרויס פֿון שטראָפֿן אויך דעם צדיק, פֿון שלאָגן אַדללײַט פֿאַר רעכטפֿאַרטיקייט. edit | PRO 17:26 kein guts kumt nisht arois fun shtrofen oich dem tsadik, fun shlogen adllait far rechtfartikeit. | PRO 17:26 Also to punish the tzaddik is not tov, nor to flog officials for their yashar ***(uprightness, integrity)*** . |
| PRO 17:27 דער וואָס ווייס קענשאַפֿט, קאַרגט זײַנע ווערטער, אַ מענטש מיט פֿאַרשטאַנדיקייט איז שפּאָרעוודיק אין געמיט. edit | PRO 17:27 der vos veis kenshaft, kargt zaine verter, a mentsh mit forshtandikeit iz shporevdik in gemit. | PRO 17:27 He that hath da'as spareth his words, and an ish tevunah ***(man of understanding)*** is of a calm ruach. |
| PRO 17:28 אַפֿילו אַ נאַר אַז ער שווײַגט ווערט גערעכנט אַ חכם; דער וואָס מאַכט צו זײַנע ליפּן, אַ | PRO 17:28 afile a nor az er shvaigt vert gerechnt a chochem; der vos macht tsu zaine lipen, a forshtandiker. | PRO 17:28 Even a fool, when he holdeth his peace, is counted chacham, and he that shutteth his sfatayim ***(lips)*** is esteemed a man of understanding. |

| | | |
|---|---|---|
| פֿאַרשטאַנדיקער. edit | | |
| PRO 18:1 דער וואָס שיידט זיך אָפּ, איז אויסן זײַן ווילן; בײַ יעטוועדער באַראָט וויל ער זיך אַרויסווײַזן. edit | PRO 18:1 der vos sheidt zich op, iz oisen zain vilen; bai yetveder barot vil er zich aroisvaizen. | PRO 18:1 A man who separates himself seeks his own ta'avah ***(desire)*** ; he defies all tushiyyah ***(wisdom, sound judgment)*** . |
| PRO 18:2 דער נאַר וויל נישט פֿאַרשטאַנדיקייט, נאָר אַז זײַן שׂכל זאָל אַנטפּלעקט ווערן. edit | PRO 18:2 der nor vil nisht forshtandikeit, nor az zain seichel zol antplekt veren. | PRO 18:2 A kesil ***(fool)*** hath no delight in tevunah ***(understanding)*** , but only in airing out his lev ***(mind, opinions)*** . |
| PRO 18:3 אַז דער רָשע קומט, קומט אויך פֿאַראַכטונג, און מיט שענדלעכקייט – שפּאָט. edit | PRO 18:3 az der roshe kumt, kumt oich farachtung, un mit shendlechkeit – shpot. | PRO 18:3 When the rashah cometh, then cometh also contempt, and with dishonor, cherpah ***(reproach, disgrace)*** . |
| PRO 18:4 טיפֿע וואַסערן זײַנען די ווערטער פֿון אַ מענטשנס מויל, אַ קוועליקער טײַך איז דער ברונעם פֿון חכמה. edit | PRO 18:4 tife vaseren zainen di verter fun a mentshns moil, a kveliker taich iz der brunem fun chochme. | PRO 18:4 The devarim of a man's mouth are deep mayim; the makor chochmah is a flowing stream. |
| PRO 18:5 קיין גוטס קומט נישט אַרויס פֿון שאַנעווען דעם רָשע, כּדי צו קריוודען דעם גערעכטן בײַם משפּט. edit | PRO 18:5 kein guts kumt nisht arois fun shaneven dem roshe, kedei tsu krivden dem gerechten baim mishpot. | PRO 18:5 It is not tov to show partiality to the rashah, to subvert the tzaddik in mishpat. |
| PRO 18:6 די ליפּן פֿון דעם נאַרן קומען מיט קריג, און זײַן מויל רופֿט צו געשלעג. edit | PRO 18:6 di lipen fun dem naren kumen mit krig, un zain moil ruft tsu geshleg. | PRO 18:6 The sfatayim ***(lips)*** of a kesil enter into contention, and his peh ***(mouth)*** inviteth blows. |
| PRO 18:7 דאָס מויל פֿון דעם נאַרן איז אַ בראָך פֿאַר אים, און | PRO 18:7 dos moil fun dem naren iz a broch far im, un zaine lipen zainen a nets far zain zel. | PRO 18:7 The peh ***(mouth)*** of a kesil is his undoing, and his sfatayim ***(lips)*** are the mokesh |

| | | |
|---|---|---|
| זייַנע ליפּן זייַנען אַ נעץ פֿאַר זייַן זעל. edit | | *(snare)* of his nefesh. |
| PRO 18:8 די ווערטער פֿון דעם אונטערהעצער זייַנען ווי געשמאַקע ביסנס, און זיי נידערן אין די קאַמערן פֿון לייַב. edit | PRO 18:8 di verter fun dem unterhetser zainen vi geshmake bisns, un zei nideren in di kameren fun laib. | PRO 18:8 The devarim of a nirgan ***(gossip, talebearer, slanderer)*** are like mitlachamim ***(delicious tidbits)*** , and they go down into the innermost parts of the beten ***(belly)*** . |
| PRO 18:9 אויך דער וואָס איז אָפּגעלאָזט אין זייַן אַרבעט, איז אַ ברודער צו אַ מאַן אַן אויסברענגער. edit | PRO 18:9 oich der vos iz opgelozt in zain arbet, iz a bruder tsu a man an oisbrenger. | PRO 18:9 He also that is slack in his work is brother to him that is ba'al mashchit ***(master of destruction)*** . |
| PRO 18:10 אַ שטאַרקער טורעם איז דער נאָמען פֿון ה׳, צו אים לויפֿט דער צדיק און ווערט באַשיצט. edit | PRO 18:10 a shtarker turem iz der nomen fun Hashem, tsu im loift der tsadik un vert bashitst. | PRO 18:10 The Shem of HASHEM is a strong migdal ***(tower)*** , the tzaddik runneth into it, and is safe. |
| PRO 18:11 דער פֿאַרמעג פֿון דעם עושר איז זייַן באַפֿעסטיקטע שטאָט, און ווי אין אַ הויכער מויער איז ער אין זייַן אייַנבילדעניש. edit | PRO 18:11 der farmeg fun dem oysher iz zain bafestikte shtot, un vi in a hoicher moier iz er in zain inbildenish. | PRO 18:11 The oisher’s wealth is his strong city, and is a high chomah in his own conceit. |
| PRO 18:12 פֿאַר אַ בראָך ווערט האָפֿערדיק דעם מענטשנס האַרץ, און פֿאַר כּבֿוד קומט עניוות. edit | PRO 18:12 far a broch vert hoferdik dem mentshns harts, un far koved kumt enivet. | PRO 18:12 Before shever ***(destruction)*** the lev ish is haughty, and before kavod is anavah ***(humility)*** . |
| PRO 18:13 דער וואָס ענטפֿערט אַ זאַך איידער ער האָט | PRO 18:13 der vos entfert a zach eider er hot oisgehert, iz dos | PRO 18:13 He that answereth a matter before he heareth it, it is |

| | | |
|---|---|---|
| אויסגעהערט, איז דאָס פֿון אים אַ נאַרישקייט און אַ שאַנד. edit | fun im a narishkeit un a shand. | folly and kelimmah ***(reproach, shame)*** unto him. |
| PRO 18:14 אַ מענטשנס געמיט קען אויסהאַלטן זייַן קראַנקשאַפֿט, אָבער אַ דערשלאָגן געמיט, ווער קען עס אַריבערטראָגן? edit | PRO 18:14 a mentshns gemit ken oishalten zain krankshaft, ober a dershlogen gemit, ver ken es aribertrogen? | PRO 18:14 The ruach ish will sustain him in sickness, but a crushed ruach who can bear? |
| PRO 18:15 דאָס האַרץ פֿון דעם פֿאַרשטאַנדיקן קויפֿט זיך איַין קענשאַפֿט, און דאָס אויער פֿון די קלוגע זוכט קענשאַפֿט. edit | PRO 18:15 dos harts fun dem farshtandiken koift zich ein kenshaft, un dos oier fun di kluge zucht kenshaft. | PRO 18:15 The lev of the prudent acquireth da'as, and the ozen of the chachamim seeketh da'as. |
| PRO 18:16 אַ מענטשנס מתנה מאַכט פֿאַר אים אַ וואַרע, און זי ברענגט אים פֿאַר גרויסע לייַט. edit | PRO 18:16 a mentshns Mattanah macht far im a vare, un zi brengt im far groise lait. | PRO 18:16 The mattan adam ***(gift of a man)*** openeth the way for him, and bringeth him before gedolim. |
| PRO 18:17 גערעכט איז דער ערשטער אין זייַן טענה, אָבער זייַן חבֿר קומט און פֿאָרשט אים אויס. edit | PRO 18:17 gerecht iz der ershter in zain taine, ober zain chever kumt un forsht im ois. | PRO 18:17 He that is harishon ***(the first)*** to make his case seemeth tzaddik, but his re'a cometh and doth cross-examine him. |
| PRO 18:18 דער גורל מאַכט אויפֿהערן קריג, און צווישן די שטרייַטער צעשיידט ער. edit | PRO 18:18 der goral macht oifheren krig, un tsvishen di shtraiter tsesheidt er. | PRO 18:18 The goral ***(lot)*** causeth contentions to cease, and keepeth the mighty apart. |
| PRO 18:19 אַ געקריוודעטן ברודער איז שווערער צו געווינען ווי אַ באַפֿעסטיקטע שטאָט, און | PRO 18:19 a gekrivdeten bruder iz shverer tsu gevinen vi a bafestikte shtot, un krig zainen | PRO 18:19 A brother offended is harder to be won than a strong city, and their contentious |

| | | |
|---|---|---|
| קריג זײַנען ווי ריגלען פֿון אַ פּאַלאַץ. edit | vi riglen fun a palats. | quarrelings are like the bars of an armon ***(citadel)*** . |
| PRO 18:20 פֿון דער פֿרוכט פֿון אַ מענטשנס מויל וועט זיך זעטן זײַן לײַב, פֿון אײַנקום פֿון זײַנע ליפּן וועט ער זיך זעטן. edit | PRO 18:20 fun der frucht fun a mentshns moil vet zich zeten zain laib, fun inkum fun zaine lipen vet er zich zeten. | PRO 18:20 An ish's beten shall be filled with the fruit of his peh ***(mouth)*** , and with the produce of his sfatayim ***(lips)*** shall he be satisfied. |
| PRO 18:21 טויט און לעבן זײַנען אין דער מאַכט פֿון דער צונג, און אירע גוטע פֿרײַנט וועלן עסן איר פֿרוכט. edit | PRO 18:21 toit un leben zainen in der macht fun der tsung, un ire gute fraint velen esen ir frucht. | PRO 18:21 Mavet and chayyim are in the power of the lashon, and they that love it shall eat the p'ri ***(fruit)*** thereof. |
| PRO 18:22 דער וואָס האָט געפֿונען אַ ווײַב, האָט געפֿונען גוטס, און קריגט באַווייליקונג פֿון ה׳. edit | PRO 18:22 der vos hot gefunen a vaib, hot gefunen guts, un krigt bavilikung fun Hashem. | PRO 18:22 He who findeth an isha ***(wife)*** findeth tov, and obtaineth ratzon ***(favor)*** from HASHEM . |
| PRO 18:23 תּחנוּנים רעדט דער אָרימאַן, אָבער דער עושר ענטפֿערט עזות. edit | PRO 18:23 technunim redt der oriman, ober der oysher entfert azes. | PRO 18:23 The poor useth entreaties, but the oisher answereth roughly. |
| PRO 18:24 פֿאַראַן חבֿרים אויף זיך צו פֿאַראומגליקן און פֿאַראַן אַ גוטער פֿרײַנט מער צוגעטאָן פֿון אַ ברודער. edit | PRO 18:24 faran Chavorim oif zich tsu farumgliken un faran a guter fraint mer tsugeton fun a bruder. | PRO 18:24 An ish of many companions may come to ruin, but there is an ohev ***(friend)*** that sticketh closer than a brother. |
| PRO 19:1 בעסער אַן אָרימאַן וואָס גייט אין זײַן ערלעכקייט, איידער דער וואָס האָט פֿאַרקרימטע ליפּן, און איז אַ נאַר. edit | PRO 19:1 beser an oriman vos geit in zain erlechkeit, eider der vos hot farkrimte lipen, un iz a nor. | PRO 19:1 Better is the poor that walketh in his tohm ***(integrity, guilelessness)*** , than he that is perverse in his sfatayim ***(lips)*** , and is a kesil ***(fool)*** . |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 19:2 אויך, פֿון זיך אַליין נישט קענען, קומט נישט קיין גוטס, און דער וואָס אײַלט מיט די פֿיס, זינדיקט. edit | PRO 19:2 oich, fun zich alein nisht kenen, kumt nisht kein guts, un der vos ilt mit di fis, zindikt. | PRO 19:2 Also, that the nefesh ***(desire)*** be without da'as, it is not tov, and he that hasteth with his raglayim ***(feet)*** sinneth. |
| PRO 19:3 אַ מענטשנס נאַרישקייט פֿאַרדרייט זײַן וועג, און אויף ה׳ צערנט זײַן האַרץ. edit | PRO 19:3 a mentshns narishkeit fardreit zain veg, un oif Hashem tsernt zain harts. | PRO 19:3 The folly of adam maketh his derech crooked, yet his lev rages against HASHEM . |
| PRO 19:4 רײַכטום קריגט צו פֿיל גוטע פֿרײַנט, און דער אָרימאַן ווערט צעשיידט פֿון זײַן גוטן פֿרײַנט. edit | PRO 19:4 raichtum krigt tsu fil gute fraint, un der oriman vert tsesheidt fun zain guten fraint. | PRO 19:4 Wealth maketh many friends, but the dal ***(poor)*** is separated from his re'a ***(neighbor)*** . |
| PRO 19:5 אַ פֿאַלשן עדות וועט נישט געשאָנקען ווערן, און דער וואָס אָטעמט מיט ליגן, וועט נישט אַנטרונען ווערן. edit | PRO 19:5 a falshen eides vet nisht geshonken veren, un der vos otemt mit ligen, vet nisht antrunen veren. | PRO 19:5 An ed shekarim ***(false witness)*** shall not go unpunished, and he that speaketh kezavim ***(lies)*** shall not escape. |
| PRO 19:6 פֿיל זוכן די לײַטזעליקייט פֿון דעם נָדבֿן, און איטלעכער איז אַ גוטער פֿרײַנט דעם געבער. edit | PRO 19:6 fil zuchen di laitzelikeit fun dem Nodaven, un itlecher iz a guter fraint dem geber. | PRO 19:6 Rabbim ***(many)*** will entreat the favor of the ruler, and every ish is the re'a ***(friend)*** to him that giveth mattan ***(gifts)*** . |
| PRO 19:7 אַלע ברידער פֿון דעם אָרימאַן האָבן אים פֿײַנט, און ווי שוין דערווײַטערן זיך פֿון אים זײַנע גוטע פֿרײַנט! דער וואָס יאָגט זיך אַרום מיט ווערטער וועט ער בײַ זיי בלײַבן. edit | PRO 19:7 ale brider fun dem oriman hoben im faint, un vi shoin dervaiteren zich fun im zaine gute fraint! der vos yogt zich arum mit verter vet er bai zei blaiben. | PRO 19:7 All the kin of the rahsh ***(pauper)*** do hate him; how much more does his friend avoid him? He pursueth them with words, yet they are not there. |

| | | |
|---|---|---|
| PRO 19:8 דער וואָס קויפֿט זיך אײַן שׂכל, האָט ליב זײַן זעל, דער וואָס היט פֿאַרשטאַנדיקייט, וועט געפֿינען גוטס, edit | PRO 19:8 der vos koift zich ein seichel, hot lib zain zel, der vos hit forshtandikeit, vet gefinen guts, | PRO 19:8 He that getteth lev loveth his own nefesh; he that is shomer over tevunah ***(understanding)*** shall find tov. |
| PRO 19:9 אַ פֿאַלשן עדות וועט נישט געשאָנקען ווערן, און דער וואָס אָטעמט מיט ליגנס, וועט אונטערגיין. edit | PRO 19:9 a falshen eides vet nisht geshonken veren, un der vos otemt mit ligns, vet untergein. | PRO 19:9 An ed shekarim ***(false witness)*** shall not go unpunished, and he that speaketh kezavim ***(lies)*** shall perish. |
| PRO 19:10 תּענוג פּאַסט נישט פֿאַרן נאַרן, הײַנט ווי שוין פֿאַר אַ קנעכט צו געוועלטיקן איבער האַרן! edit | PRO 19:10 tenug fast nisht faran naren, haint vi shoin far a knecht tsu geveltiken iber haren! | PRO 19:10 Luxury is not fitting for a kesil ***(fool)*** ; much less for an eved to have rule over sarim. |
| PRO 19:11 דער שׂכל פֿון אַ מענטשן איז אײַנצוהאַלטן זײַן צאָרן, און אַ צירונג פֿאַר אים איז צו פֿאַרגעבן זינד. edit | PRO 19:11 der seichel fun a mentshen iz intsuhalten zain tsoren, un a tsirung far im iz tsu fargeben zind. | PRO 19:11 The seichel adam deferreth his anger, and it is his tiferet ***(glory)*** to pass over a peysha ***(transgression)*** . |
| PRO 19:12 אַ ברום ווי פֿון אַ יונגן לייב איז דעם מלכס צאָרן, און ווי טוי אויפֿן גראָז זײַן גוטוויליקייט. edit | PRO 19:12 a brum vi fun a yungen laib iz dem melech's tsoren, un vi toi oifen groz zain gutvilikeit. | PRO 19:12 The wrath of a melech is like the roaring of a lion, but his ratzon ***(favor)*** is as tal ***(dew)*** upon the esev ***(grass)*** . |
| PRO 19:13 אַן אומגליק פֿאַר זײַן פֿאָטער איז אַ זון אַ נאַר; און ווי אַ נודנע טריפֿעניש זײַנען די קריג פֿון אַ ווײַב. edit | PRO 19:13 an umglik far zain foter iz a zun a nor; un vi a nudne trifenish zainen di krig fun a vaib. | PRO 19:13 A ben kesil is the calamity of aviv ***(his father)*** , and the contentions of an isha are a constant dripping. |
| PRO 19:14 הויז און גוטס איז אַ ירושה פֿון עלטערן, אָבער אַ | PRO 19:14 hoiz un guts iz a yerushe fun elteren, ober a gerotene | PRO 19:14 Bais and hon ***(wealth)*** are the nachalah avot, and a |

| | | |
|---|---|---|
| גרעאָטענע ווײַב איז פֿון ה׳. edit | vaib iz fun Hashem. | prudent isha ***(wife)*** is from HASHEM . |
| PRO 19:15 פֿוילקייט וואַרפֿט אָן אַ דרעמל, און אַן אָפּגעלאָזטער נפֿש וועט הונגערן. edit | PRO 19:15 foilkeit vorft on a dreml, un an opgelozter nefesh vet hungeren. | PRO 19:15 Atzlah ***(slothfulness, laziness)*** casteth into a tardemah ***(deep sleep)*** , and a nefesh remiyyah ***(a deceitfully lazy soul)*** shall suffer hunger. |
| PRO 19:16 דער וואָס היט דאָס געבאָט, היט זײַן זעל, דער וואָס פֿאַרוואָרלאָזט {בזה} זײַנע וועגן, וועט שטאַרבן. edit | PRO 19:16 der vos hit dos gebot, hit zain zel, der vos farvarlozt zaine vegen, vet shtarben. | PRO 19:16 He that is shomer over the mitzvah is shomer over his own nefesh, but he that is reckless in his drakhim shall die. |
| PRO 19:17 דער וואָס שענקט דעם אָרימאַן, אַנטלײַט ה׳, און זײַן טובֿה וועט ער אים אומקערן. edit | PRO 19:17 der vos shenkt dem oriman, antlait Hashem, un zain toive vet er im umkeren. | PRO 19:17 He that hath compassion on the dal ***(poor)*** lendeth unto HASHEM ; and for his benefits He will repay him. |
| PRO 19:18 שטראָף דײַן זון, ווען עס איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג, אָבער זאָלסט זיך נישט אָנלייגן אים אומצוברענגען. edit | PRO 19:18 shtrof dain zun, ven es iz noch do a hofenung, ober zolst zich nisht onleigen im umtsubrengen. | PRO 19:18 Chasten binecha ***(thy son)*** while there is yet tikvah, and give not in to thy nefesh ***(desire)*** to kill him. |
| PRO 19:19 אַ גרויסער כּעסן מוז ליידן די שטראָף, וואָרום אַז דו ווילסט אים אַוועקרייַסן, מאַכסטו נאָך ערגער. edit | PRO 19:19 a groiser kesen muz laiden di shtrof, vorem az du vilst im avekraisen, machstu noch erger. | PRO 19:19 One of gadol chemah ***(great temper)*** shall bear onesh ***(punishment)*** , for if thou deliver him, yet thou must do it again. |
| PRO 19:20 הער-צו אַן עצה, און נעם אָן מוסר , כּדי דו זאָלסט קלוג זײַן אין דײַן סוף. edit | PRO 19:20 her-tsu an eitse, un nem on musar , kedei du zolst klug zain in dain sof. | PRO 19:20 Hear etzah, and accept musar, that thou mayest be wise in thy acharit ***(latter end, future)*** . |
| PRO 19:21 פֿיל מחשבֿות זײַנען אין | PRO 19:21 fil machshoves zainen in mentshns hartsen, ober | PRO 19:21 There are many plans in a lev ish; nevertheless it is the |

| | | |
|---|---|---|
| מענטשנס האַרצן, אָבער ה׳ס באַראָט, ער וועט באַשטיין. edit | Hashem's barot, er vet bashtein. | etzah of HASHEM that shall stand. |
